STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02469

DOS VARTN OYF GODO

Samuel Beckett

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאַמועל בעקעט

★

דאָס וואַרטן אויף גאָדאָ

ס אַ מ ו ע ל ב ע ק ע ט

דאָס וואַרטן אויף
גאָדאָ

פון דייטש — גיזעלאַ שקילניק

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב תש״ם — 1980

Samuel Beckett

WAITING FOR GODOT

Translated by **Gisela Skilnik**

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv, Israel

סאַמועל בעקעט / דאָס וואַרטן אויף גאָדאָ

יידיש: גיזעלאַ שקילניק

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, אלנבי 31, תל־אביב

Printed in Israel 1980

נדפס בישראל תש״ם

דפוס „להב״ בע״מ, רח׳ המסגר 60, תל־אביב

גיזעלאַ שקילניק

איר מיידלשער פאַמיליע-נאָמען איז געווען היימאַן. געבוירן דעם 22סטן דעצעמבער 1910, אין דער שטאָט קאָלאָמיי, גאַליציע. האָט פרי פאַרלוירן די עלטערן. נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה צוזאַמען מיט אירע ברידער און שוועסטער געקומען קיין טשער־נאָוויץ. דאָרט באַזוכט די שול „מאַרגנרויט”, איז אַקטיוו אין טשערנאָוויצער שול-פאַראיין, קומט אין די קרייזן פון דער יידישער און דייטשער אינטעליגענץ, נעמט אָנטייל אין פאַרשידענע קורסן פון געשיכטע און ליטעראַטור. אַ קורצע צייט האָט זי מיטגעשפּילט אין „קונסט-טעאַטער” אין בוקאַרעסט, אָנגעפירט פון יעקב שטערנ־בערג. און דאָס אַלץ, ווי אַ שניידער-מיידל, אין דער פרייער צייט.

עס האָט זיך ביי איר אויסגעבילדעט אַ טיף פאַרשטענדעניש פאַר דער קלאַסישער און מאָדערנער פּאָעזיע. מיט טאַלאַנט און מיט גרויס דערפאָלג איז זי אַרויסגעטרעטן אויף קולטור-אונטערנעמונ־גען מיט רעציטאַציעס אין דייטש און אין יידיש.

אין יאָר 1935 איז זי געקומען קיין בראַזיל, שוין מיטן פאַ־מיליע-נאָמען שקילניק, לויט איר מאַן משה שקילניק. ווי אַ גרויסער טייל יידן, געקומענע פון די אָרעמע היימען אין אייראָפּע, האָט די פאַמיליע שקילניק דאָ געהאַט די מעגלעכקייט, אגב דורך שווערער מי, זיך מאַטעריעל גוט איינצואָרדענען.

זייער היים אין סאַן פּאַולאָ איז קולטורעל, אָבער אָן יעדן שפּור פון סנאָבישער דעקאָראַציע. די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון דער קולטורעלער אַטמאָספער, וואָס ציִען צו דעם יידישן קולטור-מענטש אין דעם גרויסן סאַלאָן, זענען די שענק מיט ביכער, הויפּטזאַכלעך אין יידיש, אַ ביסל אויך אין דייטש; אַ גאַנץ מעבל-שטיק, איינ־מאָנטירט אין דעם אַ מוזיק-אַפּאַראַט פון ריינסטן קלאַנג, אַ גרויסער אויסוואַל פון פּלאַטן, קלאַנגטאַשמעס פון קלאַסישער און יידישער מוזיק און גראַווירטע יידישע ליטעראַטור. אויף די ווענט זענען

מיר בילדער סיי לשם קונסט בכלל און סיי לשם ייִדישער געדענק־שאַפט, ווי ייִדישע מאָטיוון פון שילן, געסלעך פון אַלטע היימען, אַמאָליקע ייִדישע טיפּן. טייל בילדער זענען געמאָלן פון זייער טשערנאָוויצער בן־עיר דעם קינסטלער פישמאַן־שעכטער — טאָקע פראַגמענטן פון אַלטן טשערנאָוויץ, וואָס ברענגען צוריק יענע שטימונג.

דער סאַלאָן איז דער אויפנעם־זאַל פאַר ייִדישע קולטור־צוזאַמענטרעפן, געווידמעט דער ליטעראַרישער קונסט, צו הערן מוזיק און פאַר אויפנעמען ייִדישע שרייבערס און קולטור־פּערזענלעכקייטן, אַרטיקע און פון אויסלאַנד.

גיזעלאָס אַנטייל אין די ליטעראַרישע אָוונטן איז געווען אי ווי אַ באַלעבאָסטע, אי אַ גייסטיק מיטבאַטייליקטע. אָנגעטאָן שטענדיק שטיל, סאָליד, אָן אויפרייסנדיקע און אויפרייצנדיקע קאָלירן — אַזוי איז מען, אַזוי דאַרף מען זיין, מען דאַרף זיך נישט מאַכן מער... די בלאָנדע האָר שטענדיק פּאַרקעמט גלאַט, אָן קונצן, מיט אַ מעש־גאָלדענעם שטילן גלאַנץ, לעבעדיק און געצוימט. זי האָט ווייניק גערעדט. נאָר דאָס געצוימטע, שטילע פּנים האָט אויסגעדריקט אָדער הסכמה, אָדער נישט איינשטימיקייט — דאָס פּנים האָט געוויזן אירע געדאַנקען, אירע טראַכטענישן, און די ליפּן און די אויגן האָבן מיט אַ צוריקגעהאַלטן שמייכעלע באַגלייט די זעלבע איבער־לעבענישן. זי האָט זיך טייל מאָל אַרויסגעזאָגט אין געציילטע ווערטער, אָבער איר שטאַרק אויסדריקלעכער אַקטיווער אָנטייל איז אַרויסגעקומען דעמאָלט ווען זי האָט עפּעס רעציטירט, מערסטנס עטלעכע משלים פון שטיינבאַרגן.

ווען גיזעלאָ איז געבליבן מיט זיך אַליין, נאָכן אָפּגעבן דער פאַמיליע די פליכטן און ליבשאַפט, האָט זי נישט געפינען קיין באַ־פרידיקונג בלויז אין דעם מאַטעריאַליסטישן לעבן. פאַר איר פיזישן אויפהאַלט האָט זי זיך געניטיקט אין אַ קלייניקייט, אין אַ שהי־פּהי, כמעט אַסקעטיש. אין וואָס זי האָט זיך געניטיקט איז געווען אַ טיש מיט אַ לעמפּל, אָדער דאָס טאָגליכט ביים פענצטער. פילאָסאָפיע און פּאָעזיע איז געווען איר גייסטיקער הונגער און דאָרשט. דאָרט

ביים טיש זאַמלט די נשמה איין די שיינקייט און עמאָציעס פון דער פּאָעזיע, וואָס איז רייכער פון יעדער עשירות. אין די ביכער פון פילאָסאָפיע קאָן מען זיך גריבלען אין די רעטענישן פון וועלט־באַשאַף, פון וועלט־עקזיסטענץ, פון איר אייביקן גאַנג... צי פירט אָן מיט דעם גליקלעכן מזל פון איינעם און מיט דעם שלימזל פון אַ צווייטן אַ געהיימע אויסגערעכנטע קראַפט, אָדער אַלץ גייט לויטן בלינדן צופאַל, לויט אַ פּאַטום? און פאַר וואָס ווידער — איינער האָט אַלדאָס גוטס און עס איז אים שלעכט און אַ צווייטער האָט ווייניק און עס איז אים גוט?... אַזוי פיל רעטענישן און מען קאָן נישט געפינען קיין באַשייד. אַלץ איז אַזוי אומבאַשטימט, אַזוי אומזיכער...

כדי בעסער צו באַנעמען די פילאָסאָפיע פון ברוך שפּינאָזע האָט גיזעלאַ שטודירט אַ גרויסע קאָלעקציע פון אַ בריוו־אויסטויש צווישן שפּינאָזען און אַנדערע פילאָסאָפן.

אַ באַזונדערע ליבשאַפט האָט זי, גיזעלאַ שקילניק, געהאַט צו די משלים פון אליעזר שטיינבאַרג. אין זיי איז צוזאַמענגעשמאָלצן פּאָעזיע און פילאָסאָפיע. מיט פּקחותדיקער איראָניע קומט אַרויס די נאַטור, די מענטאַליטעט און כאַראַקטער פון מענטש, זיין ליידנשאַפט, זיין פאַרקריפּלטער באַנעם פון לעבן, דאָס קאַפּויערדיקע ווי עס דאַרף זיין לויטן סאָציאַלן יושר און לעבנס־אמת. דערביי איז יעדער משל אַ קונסט־קאָמפּאָזיציע פון געדאַנק, געפיל, וואָרט־מייסטערשאַפט און פאָרם־גאַנצקייט. די חכמה, דער אמת און די פּאָעזיע האָבן אַריינגעדרונגען אין איר ווי אַ טיפע און ערשטע ליבע. זינט זי האָט נאָך אין די יונגע יאָרן אַנטפּלעקט פאַר זיך שטיינבאַרגס משל, האָט ער זיך שוין אויף שטענדיק באַהעפט מיט איר דענקען און טראַכטן ביזן סוף פון אירע טעג. עס איז אפשר נישט פאַראַן נאָך אַ לייענער וואָס זאָל פון שטיינבאַרגס משל האָבן אַרויסגענומען אַזוי פיל טייטש און באַשייד ווי גיזעלאַ.

און זי האָט טאַקע כמעט אַלע משלים פון אליעזר שטיינבאַרג איבערגעזעצט אויף דייטש, די שפּראַך וואָס זי האָט אַמבעסטן באַהערשט.

אַ נויטוועגדיקייט איבערצוזעצן פון דייטש אויף יידיש האָט גיזעלאַ אויך געפונען אין די פּאָעטישע חורבן־שאַפונגען פון נעלי זאַקס. ווי ווייט די חורבן־טעמע איז איר געווען נאָענט קאָן מען זען אין איר פאָרוואָרט צו דער זאַמלונג, ווו זי האָט פאַרשטאַנען זיך מתיחד צו זיין מיט דעם זאָג פון דעם פילאָסאָף אַדאָרנאָ: „נאָך אוישוויץ קאָן מען מער נישט שרייבן אַפילו קיין איין ליד". אין בוכפאָרם איז גיזעלאַס איבערזעצונג פון נעלי זאַקס שאַפונגען דער־שינען אין „פאַרלאַג י. ל. פרץ", ישראל, אין יאָר 1974.

אין אַן אָפּשאַצונג וועגן דער איבערזעצונג, פאַרעפנטלעכט אין „דער נייער מאָמענט", סאַן פּאַולאָ און אין „די פּרעסע", בוענאָס־איירעס, האָט דער שרייבער מאיר קוטשינסקי געשריבן: „ — — — איז עס אַ גרויסער אויפטו פון דער איבערזעצערין־דיכטערין גיזעלאַ שקילניק, וועלכע האָט די דאָזיקע אינטים־יידישע טראַגעדיע אויסגעלייזט פונעם גלות פון אַ פרעמדער — — — שפּראַך. דער־מיט האָט זי באַוויזן נישט בלויז אַן איידעלע חוש־השמיעה, אַ פּאָע־טיש־סובטעלע, נייערט מתקן געווען די גלות־השכינה פון דער פּאָעטין נעלי זאַקס — — — דער באַקרוינטער מיט דער העכסטער פּאָעטישער קרוין: די נאָבעל־פּרעמיע".

אייניקע געדיכטן און עסייען איבערגעזעצטע פון גיזעלאַן, זענען אין פאַרשידענע צייטן געווען אָפּגעדרוקט אין סאַן־פּאַולער „דער נייער מאָמענט".

גיזעלאַ שקילניק האָט זיך צעשיידט מיט דער וועלט דעם 4טן דעצעמבער 1978. ביים קבר צו די שלושים האָט אירס אַ בן־עיר, דער קולטור־עסקן שמואל קאַפּלער צ"אַ דערמאָנט, אַז אין איר טשערנאָוויצער פּעריאָד האָט מען גיזעלאַן אָפט געזען אין די קרייזן פון אליעזר שטיינבאַרג, איציק מאַנגער, יעקב שטערנבערג, ד"ר שלמה ביקל און פון דעם ייִנגערן פון זיי, כמעט אין די גלייכע יאָרן פון גיזעלאַן, יעקב פרידמאַן. די פּאָטאָגראַפיעס פון יענער צייט באַשטעטיקן דאָס. לשם זכרון זאָל דאָ אויך פאַרצייכנט ווערן, אַז מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז אויך דער זעלבער שמואל קאַפּלער אַוועק אין דער אייביקייט. טאָקע אַ רעטעניש פון גורל. ערשט אויס־

געזען אַזוי געזונט, פריש און קרעפטיק און שוין נישטאָ! פאַר די משפחות און פריינד איז עס געווען אַ טראַגישער איבערגאַנג פון ווייטיק צו ווייטיק.

אין די מיטגעפיל־בריוו פון שרייבערס און פערזענלעכקייטן צו איר מאַן, דעם קולטור־עסקן אין סאַן פּאַולאָ, משה שקילניק, לייענען מיר מיינונגען וועגן גיזעלאַן. שמואל ראָזשאַנסקי שרייבט צ״א — „איר סענסיטיווע באַציונג צו ליטעראַטור, אויסגעדריקט דורך אירע איבערזעצונגען פון הויכער וואָרטקונסט, האָט זי באַליבט געמאַכט צווישן אַלע אירע פריינד און דערפאַר איז דער ווייטיק אַזאַ טיפער — — —״.

זלמן וואַסערצוג: „— — — גיזעלאַ איז געווען די איידלקייט און צאַרטקייט אַליין; אַ פילבאַרע דיכטערין מיט סופּער־סענסיטיווע געפילן. עס קומען אויפן געדאַנק די ווערטער פון דעם מקונן: „ואי להיא שופרא דבלי בעראה...״.

אין אַ בריוו פון פאַרלאַג י. ל. פּרץ, אונטערגעשריבן דורך ה. וואַסער, געפינען מיר אַזעלכע ווערטער: „אין אונדזער ליטעראַרישערווירקלעכקייט איז גיזעלאַ געווען און וועט בלייבן ווי אַן אינטערעסאַנטע שרייבערין, וועלכע האָט דערנענטערט צו אונדזער שפּראַך שאַפונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור. אַזאַ וועט זי אויך פאַרבלייבן אין אונדזער שרייבערישן זכרון...״.

איצט מיטן דערשיינען פון איר נייער אַרבעט, דער איבערזעצונג פון דער פּיעסע „דאָס וואַרטן אויף גאָדאָ״, אַ פּאָפּולער ווערק אין דער היינטיקער צייט, געשפּילט אויף די טעאַטער־סצענעס אין אַ ריי לענדער, געשאַפן פון דעם אירלענדיש־פראַנצויזישן דראַמאַטורג, דעם לאַורעאַט פון דער נאָבעל־פּרעמיע אין יאָר 1969, סאַמועל בעקעט, וועט גיזעלאַ שקילניק זיכער אויף ס׳ניי פאַראינטערעסירן דעם יידיש־לייענער און אירע פריינד.

יצחק גוטערמאַן

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

עסטראַגאָן ;

וולאַדימיר ;

לאַקי :

פּאָזאָ ;

אַ יינגל.

ערשטער אַקט

(אַ לאַנדשאַפט, אַ בוים. בין השמשות. עסטראַגאָן זיצט אויף דער ערד און באַמיט זיך אַראָפּצוציִען אַ שוך. ער טוט עס מיט ביידע הענט, מיטן גאַנצן כוח, קרעכצנדיק. פאַרמאַטערט, הערט ער אויף, אָטעמט אָפּ טיף און הייבט ווידער אָן. וולאַ־דימיר קומט אַריין.)

עסטראַגאָן (אויפגעבנדיק דאָס אַראָפּציִען דעם שוך)

מען קאָן גאָרנישט טאָן.

וולאַדימיר (דערנענטערט זיך צו אים מיט שטייפע טריט)

כ׳בין באַלד אויך גרייט אַזוי צו טראַכטן.

(בלייבט שטיין ווי פאַרגליווערט)

שוין לאַנג ווער איך זיך קעגן דאָזיקן געדאַנק. יעדעס מאָל, ווען ער קומט אויפסניי, טענה איך צו זיך אַליין: וולאַדימיר — גיב זיך נישט אונטער, דו האָסט נאָך נישט אַלץ אויס־פּראָבירט. — און כ׳נעם דעם קאַמף ווידער אויף.

(ער בלייבט שטיין ווי פאַרזונקען אינעם געדאַנק וועגן קאַמף. צו עסטראַגאָן)

נו, ביסט ווידער דאָ!

עסטראַגאָן

ס׳זעט אויס אַזוי.

וולאַדימיר

איך פריי זיך דיך ווידער צו זען. כ׳האָב געמיינט אַז דו ביסט אַוועק אויף שטענדיק.

עסטראַגאָן

כ׳האָב אויך אַזוי געמיינט.

וולאַדימיר

ווי אַזוי וואָלטן מיר געקאָנט פּייערן אונדזער פרייד ביים דאָזיקן ווידערזעען? קום, שטיי אויף און לאָז זיך אַרומנעמען! (ער שטרעקט אויס זיין האַנט צון אים).

עסטראַגאָן (אומוויליק)

באַלד! באַלד! (זיי שווייגן)

עסטראַגאָן (באַליידיקט)

איך האָף אַז ס׳איז דערלויבט צו פרעגן ווו דער „הער" האָט היינטיקע נאַכט פאַרבראַכט?

עסטראַגאָן

אין גרוב.

וולאַדימיר (דערשטוינט):

אין גרוב?! ווו?

עסטראַגאָן (אָן שום באַוועגונג)

דאָרט אונטן.

וולאַדימיר

און מע האָט דיך נישט געשלאָגן?

עסטראַגאָן

מע האָט — אָבער נישט צו שטאַרק...

וולאַדימיר

ווידער די אייגענע?

עסטראַגאָן

די אייגענע? דאָס ווייס איך נישט. (זיי שווייגן)

וולאַדימיר

אַז איך טראַכט... ווען דער לאַנגער צייט... פרעג איך זיך, וואָס וואָלט פון דיר געוואָרן אָן מיר? (מיט איבערצייגונג)

גערויס וואָלסטו היינט שוין געווען נישט מער ווי אַ הויפן ביינער.

עסטראַגאָן (געררייצט)

נו, און אַז...

וולאַדימיר (מוטלאָז)

ס'איז צו שווער פאַר איינעם אַליין.

(פויזע. עטוואָס אויפגעלעבטער)

אָבער — צוריקגעשמועסט — פאַר וואָס גראָד איצט דעם מוט פאַרלירן? מיט אַן אייביקייט צוריק, אַזוי אַרום 1900, האָבן מיר געזאָלט וועגן דעם אַ טראַכט טאָן.

עסטראַגאָן

הער שוין אויף. העלף מיר בעסער די שקראַבעס דאָ אַראָפּצוּיִען.

וולאַדימיר

האַנט אין האַנט וואָלטן מיר זיך פון אייפל־טורעם אַראָפּ־געוואָרפן, צוזאַמען מיט די ערשטע. דעמאָלט האָבן מיר נאָך לייטיש אויסגעזען. איצט איז עס צו שפּעט. זיי וואָלטן אונדז, אַהינצו, אַפילו נישט אַרויפגעלאָזט!

(עסטראַגאָן פּראָבירט ווידער מיט אַלע כוחות דעם שוך אַראָפּצושלעפּן)

וואָס טוסטו דאָ?

עסטראַגאָן

איך טו זיך אויס די שיך. דיר האָט אַזוינס נאָך נישט פּאַסירט?

וולאַדימיר

פון שטענדיק אָן טענה איך אַז ס'וואָלט כדאַי געווען זיי יעדן טאָג אַראָפּצוציִען. דו וואָלסט געדאַרפט אויפמערק־זאַמער זיך צוהערן צו מיינע רייד!

עסטראַגאָן (פאַרמאַטערט)

העלף מיר!

וולאַדימיר

ס׳טוט דיר וויי?

עסטראַגאָן

וויי! ער פרעגט מיך צי עס טוט וויי?!

וולאַדימיר (אויפגעברויזט)

נאָר דו ליידסט, נאָר דו! איך דערצייל נישט. איך וואָלט געוואָלט דיך אַ מאָל זען אויף מיין אָרט! דו וואָלסט גע־האַט וואָס צו דערציילן!

עסטראַגאָן

עס האָט דיר עפּעס וויי געטאָן?

וולאַדימיר

וויי? ער פרעגט מיך צי מיר האָט עפּעס וויי געטאָן?

עסטראַגאָן (אָנווייזנדיק מיטן פינגער)

דערפאַר דאַרף מען נישט אַרומגיין מיט אַן אָפענעם ראַספּער.

וולאַדימיר (בייגט זיך אַראָפּ)

ביסט גערעכט. (ער קנעפּלט זיך צו)

נאָר נישט ווערן נאָכלעסיק צוליב קלייניקייטן.

עסטראַגאָן

וואָס זאָל איך דיר דערוויף ענטפערן? שטענדיק וואַרטסטו ביז דער לעצטער מינוט.

וולאַדימיר (פאַרטרוימט)

די לעצטע — מינוט... (פאַרטראַכט זיך)

אַ לאַנג־דויערנדיקער צושטאַנד ווענדט זיך סוף־כל־סוף צום גוטן — ווער נאָך האָט עס שוין אַמאָל געזאָגט?

עסטראַגאָן

ווילסט מיר טאָקע נישט העלפֿן?

וולאַדימיר

טייטלמאָל טראַכט איך: עס וועט פֿון זיך אַליין דערצו קומען! דאַן וועט מיר אַזוי מאָדנע אויף דער נשמה.

(ער נעמט אַראָפּ זיין הוט, קוקט אין אים אַריין, שטעקט אַריין די האַנט, טרייסלט אים אויס און טוט אים ווידער אָן)

ווי אַזוי זאָל איך דאָס טרעפֿלעך זאָגן? — איך פֿיל זיך דערלייכטערט אָבער גלייכצייטיק צעשמעטערט.

(ער נעמט ווידער אַראָפּ דעם הוט און קוקט אין אים אַריין)

צע־שמע־טערט!

(מיט באַטאָנונג)

אַזוינס גאָר!

(ער קלאַפּט אים אויס גלייך ער וואָלט וועלן פֿון אים עפּעס אַרויסטרייסלען און טוט אים ווידער אָן)

נו, זאָל זיין אַזוי!

(עסטראַגאָן געלינגט עס דערווייל זיין שוך אויסצוטאָן, ער קוקט אין אים אַריין, דרייט אַריין זיין האַנט, קערט אים איבער, טרעסעט אים אויס, זוכט עפּעס אויף דער ערד, געפֿינט גאָרנישט, שטעקט נאָך אַ מאָל אַריין זיין האַנט אין שוך. בעת מעשה קוקט ער ווי געפּלעפֿט פֿאַרויס)

וואָס איז געשען?

עסטראַגאָן

גאָרנישט.

וולאַדימיר

אַנו, לאָז מיך זען.

עסטראַגאָן

נישטאָ וואָס צו זען.

וולאַדימיר

פראַביר אים ווידער אָנצוטאָן.

עסטראַגאָן (באַטראַכט זיין פוס)

זאָל ער זיך אַ ביסל אויסלופטערן.

וולאַדימיר

אַזוי איז שוין דער מענטש; ער מיינט אַז דער שיך קוועטשט אים און אין דער אמתן איז זיין פוס נישט מיט אַלעמען.

(ער נעמט ווידער אַראָפּ זיין הוט, קוקט אַריין, שטעקט אַריין די האַנט, טרעסעט אים אויס, קלאַפּט אים אויס, בלאָזט אַריין און טוט אים ווידער אָן)

וואָס טוט זיך דאָ?

(זיי שווייגן. עסטראַגאָן דרייט זיין פוס אַהין און אַהער)

פון די צוויי גנבים איז איינער אויסגעלייזט געוואָרן.

(פויזע)

דאָס באַדייט דאָך אַ גאַנץ גוטער פּראָצענטזאַץ!

(פויזע)

גאָגאָ!...

עסטראַגאָן

וואָס איז?

וולאַדימיר

און ווען מיר וואָלטן חרטה האָבן?

עסטראַגאָן

אויף וואָס?

וולאַדימיר

נו, יאָ.

(ער זוכט די פּאַסיקע ווערטער)

מוז מען זיך דווקא אויף פּרטים אָפּשטעלן?

עסטראַגאָן

אויפֿן פּאַקט וואָס מיר זענען געבוירן געוואָרן?

(וולאַדימיר לאַכט, ער הערט אָבער פּלוצים אויף און לייגט אַרויף די האַנט אין דער געגנט פֿון אורין־פּענכער. ער פֿאַרציט דאָס פּנים)

וולאַדימיר

מען טאָר זיך נישט מער דערלויבן צו לאַכן.

עסטראַגאָן

אויך, ווייזט אויס, אַ פֿאַרלוסט?

וולאַדימיר

מען קאָן נאָר שמייכלען.

(ער שמייכלט. דער שמייכל ווערט פֿאַרגליווערט אויף זיין פּנים און לעשט זיך אויס)

ס'איז פּאַרט נישט דאָס זעלבע ווי לאַכן. נו, יאָ. (פּויזע) גאָגאָ!

עסטראַגאָן

וואָס איז?

וולאַדימיר

די ביבל האָסטו געלייענט?

עסטראַגאָן

די ביבל? (ער קלערט נאָך) כ'האָב מסתמא אַריינגעקוקט.

וולאַדימיר

אין דער „פֿרייער" שול?

עסטראַגאָן

איך ווייס נישט צי זי איז געווען פֿריי, צי נישט־פֿריי.

וולאַדימיר

דו פאַרבייטסט זי אפשר מיט דעם פאַרבעסערונגס־אַנ־שטאַלט ?

עסטראַגאָן

ס׳קאָן זיין — איך געדענק נאָך די מאַפּעס פונעם הייליקן לאַנד: פאַרביקע, שיינע, דער ים־המלח איז געווען בלוי, נאָר כאַפּנדיק אויף אים אַ קוק, בין איך שוין געוואָרן דורשטיק. ביי זיך האָב איך געהאַט באַשלאָסן: דאָרט וועל איך און מיינע פאַרברענגען אונדזער האָניק־חודש. מיר וועלן שווימען... מיר וועלן זיין גליקלעך...

וולאַדימיר

דו האָסט געדאַרפט ווערן אַ פּאָעט.

עסטראַגאָן

בין איך טאַקע געוואָרן! (ער ווייזט אויף זיך)
מען דערקענט עס נישט ? (זיי שוויגן)

וולאַדימיר

ווען וואָס האָבן מיר גערעדט ?... וואָס מאַכט עפּעס דיין פוס ?

עסטראַגאָן

ער ווערט צוביסלעך געשוואָלן.

וולאַדימיר

אַהאַ! איצט דערמאָן איך זיך! די מעשה מיט די צוויי גנבים. געדענקסט זיי נאָך ?

עסטראַגאָן

ניין.

וולאַדימיר

איך וועל זי דיר נאָך אַ מאָל דערציילן.

עסטראַגאָן

ס'איז נישט נייטיק!

וולאַדימיר

גלאַט אַזוי, וואָס אַרט עס דיך?

(פויזע)

עס זענען געווען צוויי גנבים, די דאָזיקע וואָס מען האָט, מיט דעם דערלייזער, געקרייציקט. מע...

עסטראַגאָן

מיט דעם וואָס?

וולאַדימיר

מיט דעם דערלייזער. די צוויי גנבים, מען זאָגט אַז איינער איז אויסגעלייזט געוואָרן און דער אַנדערער —

(ער זוכט דאָס פּאַסיקע וואָרט)

פֿאַרמשפּט.

עסטראַגאָן

אויסגעלייזט פֿון וואָס?

וולאַדימיר

פֿונעם גיהנום!

עסטראַגאָן

נו, איך גיי...

(ער רירט זיך נישט פֿון אָרט).

וולאַדימיר

און פֿאָרט...

(פויזע)

ווי קומט עס אַז... איך לאַנגווייל דיך נישט?

עסטראַגאָן

איך הער זיך נישט צו.

וולאַדימיר

ווי קומט עס אַז נאָר איינער פון די אַפּאָסטאָלן שטעלט דאָס געשעעניש אַזוי פאָר? זיי זענען דאָך אַלע פיר דאָרט געוועזן — אַלנפאַלס נישט ווייט פון דאָרט און נאָר איינער רעדט פון אַן אויסגעלייזטן גנב. (פויזע)
הער זיך צו, גאָגאָ! דו מוזט מיר פון צייט־צו־צייט אַ ביסל אַרויסהעלפן!

עסטראַגאָן

איך הער זיך צו.

וולאַדימיר

איינער פון פיר. פון די דריי אַנדערע אַפּאָסטאָלן זאָגן צוויי בכלל גאָרנישט וועגן דעם, און דער דריטער זאָגט אַז ביידע גנבים האָבן אים געזידלט.

עסטראַגאָן

וועמען?

וולאַדימיר

ווי אַזוי זאָגסטו?

עסטראַגאָן

איך פאַרשטיי נישט... (פויזע) וועמען האָבן זיי געזידלט?

וולאַדימיר

דעם דערלייזער.

עסטראַגאָן

פאַר וואָס?

וולאַדימיר

ווייל ער האָט זיי נישט געוואָלט דערלייזן.

עסטראַגאָן

פונעם גיהנום?

וולאַדימיר

ווייס איך וואָס! פונעם טויט!

עסטראַגאָן

נו, און?

וולאַדימיר

ווייזט אויס אַז ביידע גנבים זענען פאַרשאָלטן געוואָרן.

עסטראַגאָן

און וואָס ווייטער?

וולאַדימיר

אָבער איין אַפּאָסטאָל האָט איבערגעגעבן אַז איין גנב איז אויסגעלייזט געוואָרן.

עסטראַגאָן

נו, זיי זענען זיך נישט אייניק. דאָס איז אַלץ.

וולאַדימיר

זיי זענען אַלע פיר דערביי געווען און נאָר איינער רעדט פון אויסדערלייזטן גנב — פאַר וואָס זאָל מען אים מער גלייבן ווי די אַדערע דריי?

עסטראַגאָן

ווער גלויבט אים אַזוינס?

וולאַדימיר

אַלע. נאָר זיין אויספיר איז אָנגענומען געוואָרן.

עסטראַגאָן

מענטשן זענען נאַראָנים.

(ער שטייט אויף מיט מי, גייט צו הינקענדיק צו דער לינקער קוליסע, בלייבט שטיין, קוקט אין דער ווייטנס, מאַכנדיק פון דער האַנט אַ דעכל איבער די אויגן. ער קערט זיך אום און גייט צו צו דער רעכטער קוליסע און קוקט ווידער אין דער ווייטנס. וולאַדימיר קוקט אים נאָך, הייבט אויף עסטראַגאָס אַ שוך, קוקט אין אים אַריין און וואַרפט אים גלייך אַוועק).

וולאַדימיר

באַ!

(ער שפּייט אויס, עסטראַגאָן גייט צוריק צו דער מיט סצענע און קוקט זיך אום)

עסטראַגאָן

ס'איז אַ גאַנץ הימלער ערטעלע.

(ער גייט צו צו דער ראַמפּע און קוקט אויפן פּובליקום)

און אָנגענעמע פּאַנאָראַמע. (צו וולאַדימיר) קום, מיר גייען!

וולאַדימיר

מיר קאָנען נישט אַוועקגיין.

עסטראַגאָן

פֿאַר וואָס נישט?

וולאַדימיר

ווייל מיר וואַרטן אויף גאָדאָ.

עסטראַגאָן

אַ, יאָ.

ביסט זיכער אַז ס'איז טאַקע דאָ? (פּויזע)

וולאַדימיר

אַז וואָס איז דאָ?

עסטראַגאָן

וווּ מיר דאַרפֿן וואַרטן?

וולאַדימיר

ער האָט געזאָגט ביי דעם בוים.

(זיי באַטראַכטן דעם בוים)

זעסטו נאָך אַנדערע ביימער?

עסטראַגאָן

וואָס פֿאַראַ סאָרט בוים איז עס?

וולאַדימיר

כ׳ווייס נישט. אַ ווערבע, ווייזט אויס. טרויעריק זעט זי אויס.

עסטראַגאָן

ווו זענען די בלעטער?

וולאַדימיר

אפשר איז זי אָפּגעשטאָרבן?

עסטראַגאָן

אויסגעטרויערט...

וולאַדימיר

אפשר איז נישט איצט איר צייט צו בליִען?

עסטראַגאָן

וואָלט נישט פּאַסיקער געווען צו זאָגן אַז ס׳איז אַ ביימעלע?

וולאַדימיר

אַ קוסט?

עסטראַגאָן

אַ ביימעלע.

וולאַדימיר

אַ... (ער כאַפּט זיך) וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן? מיינסט מיר זענען זיך טועה געווען אינעם אָרט?

עסטראַגאָן

ס׳וואָלט פּאָרט געדאַרפט זיין דאָ...

וולאַדימיר

ער האָט צוגעזאָגט נישט אויף זיכער אַז ער וועט קומען.

עסטראַגאָן

און אַז ער וועט נישט קומען?

וולאַדימיר

וועלן מיר מאָרגן ווידער דאָ וואַרטן.

עסטראַגאָן

אָון דערנאָך איבערמאָרגן?...

וולאַדימיר

ס'קאָן זיין.

עסטראַגאָן

און אַזוי ווייטער...

וולאַדימיר

דאָס הייסט...

עסטראַגאָן

ביז ער וועט קומען. (פויזע)

וולאַדימיר

דו ביסט אָן רחמנות.

עסטראַגאָן

מיר זענען שוין נעכטן דאָ געווען.

וולאַדימיר

ס'הייבט זיך נישט אָן, דו ביסט זיך טועה.

עסטראַגאָן

וואָס דען האָבן מיר נעכטן געטאָן?

וולאַדימיר

וואָס מיר האָבן נעכטן געטאָן?

עסטראַגאָן

יאָ?

וולאַדימיר

המ... (בייז) דו ביסט שטענדיק גרייט יענעם אַריינצוטרייבן אין צווייפלענישן.

עסטראַגאָן

איך מיין אַז מיר זענען נעכטן יאָ דאָ געווען.

וולאַדימיר (קוקט זיך אַרום)

זעט דיר די געגנט אויס באַקאַנט?

עסטראַגאָן

נישט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן.

וולאַדימיר

אויב אַזוי...

עסטראַגאָן

דאָס וויל גאָרנישט באַטייטן...

וולאַדימיר

יעדנפאַלס... דער בוים....

(צום פובליקום געווענדט)

דער זומפּ...

עסטראַגאָן

ביסט זיכער אַז ס'איז געווען באַשטימט פאַר היינט?

וולאַדימיר

וואָס איז געווען באַשטימט פאַר היינט?

עסטראַגאָן

אַז מיר זאָלן וואַרטן?

וולאַדימיר

יאָ, ער האָט געזאָגט שבת (פּויזע). אַזוי האָב איך פאַר־שטאַנען.

עסטראַגאָן

שבת ביי נאַכט?

וולאַדימיר

איך מוז עס האָבן ערגעצווו פאַרצייכנט.

(ער זוכט אַרום אין די קעשענעס, אָנגעשטאָפּטע מיט כלערליי זאַכן)

עסטראַגאָן

אָבער וועלכן שבת? דו ביסט זיכער אַז היינט איז שבת?
קאָן דען נישט זיין אַז היינט איז זונטיק אָדער מאָנטיק
אָדער פרייטיק.

וולאַדימיר

(קוקט זיך אום נערוועז, ווי די דאַטע וואָלט געווען פאַרצייכנט ערגעצוווּ, אין דער לאַנדשאַפט)

ס'איז נישט מעגלעך...

עסטראַגאָן

אָדער דאָנערשטיק...

וולאַדימיר

וואָס זאָל מען טאָן?

עסטראַגאָן

אויב ער האָט זיך נעכטן מטריח געווען אַהערצו אומזיסט,
קאָנסטו זיין זיכער אַז ער וועט היינט נישט קומען.

וולאַדימיר

האָסט דאָך אַליין געזאָגט אַז מיר זענען נעכטן אויך דאָ
געווען.

עסטראַגאָן

כ'קען האָבן אַ טעות. (פויזע) שווייגן מיר אַ ווײַלע, יאָ?

וולאַדימיר (מוטלאָז)

מיינסטאַלבן...

(עסטראַגאָן זעצט זיך אויף דער ערד, וולאַדימיר שפּאַנט אויף און אָפּ מיט גרויסע שריט אַן אויפגערעגטער. פון צייט צו צייט בלייבט ער שטיין, זוכט אָפּ מיט די אויגן דעם האָריזאָנט. עסטראַגאָן שלאָפט איין. וולאַדימיר בלייבט פאַר אים שטיין).

גאָגאָ... (שטילקייט), גאָגאָ... (שטילקייט), גאָגאָ!

עסטראַגאָן (כאַפּט זיך אויף פון שלאָף און פאַרטראַכט זיךווידער וועגן זיין שוידערלעכע לאַגע)

כ'בין געשלאָפן. (מיט פאָרוווּרף)

פאַרוואָס לאָזסטו מיך נישט שלאָפן?

וולאַדימיר

איך פיל זיך פאַראייַנזאַמט.

עסטראַגאָן

עס האָט זיך מיר געחלומט...

וולאַדימיר

רעד נישט וועגן דעם.

עסטראַגאָן

מיר האָט זיך געחלומט אַז...

וולאַדימיר (ווילד)

דערצייל עס נישט!

עסטראַגאָן (ווייַזנדיק אויפן אַרום)

דאָס דאָ איז דיר גענוג? (זיי שוויַיגן) ס'איז נישט שיין פון דיר, דידי. — וועמען זאָל איך מיינע שרעק־חלומות דערציילן, אויב נישט דיר?

וולאַדימיר

האַלט זיי פאַר זיך. דו ווייסט גאַנץ גוט אַז איך פאַרטראָג דאָס נישט.

עסטראַגאָן (קיל)

טיילמאָל פרעג איך זיך צי עס וואָלט נישט געווען בעסער, אַז מיר זאָלן זיך פונאַנדערגיין...

וולאַדימיר

דו וואָלסט נישט וויַיט דערגאַנגען.

עסטראַגאָן (איראָניש)

און דאָס וואָלט געווען אַ שאָד. (פויזע) נישט אמת, דידי? דאָס וואָלט געווען אַ גרויסער שאָד! (פויזע) אַז מען באַטראַכט די שיינקייט פונעם וועג, (פויזע) די גוטסקייט פון די מיטרייזנדיקע (פויזע, מיט חניפה) נישט אַזוי, דידי?

וולאַדימיר

הער שוין אויף, זיי רויק!

עסטראַגאָן

רויק... רויק... (פאַרטראַכט) די ענגלענדער זענען קאָלם, זיי זענען בכלל קאַאַלמע מענטשן (פויזע) דו קענסט די מעשה מיטן ענגלענדער און זיין באַזוך אין אַ „הייזל״?

וולאַדימיר

יאָ.

עסטראַגאָן

אויב אַזוי, דערצייל!

וולאַדימיר

הער אויף!

עסטראַגאָן

אַ שיכורער ענגלענדער איז אויסגעוואַקסן אין אַ „הייזל״, די „מומע״ פרעגט אים: דיר געפעלט אַ בלאָנדע, אַ שאַטינקע, צי גאָר אַ רויטע?... — דערצייל דו ווייטער!

וולאַדימיר

הער אויף!

(ער גייט אַוועק. עסטראַגאָן הייבט זיך אויף און גייט אים נאָך ביז צום ראַנד פון דער בינע. ער איז נערוועז ווי אַ צושויער ביי אַ באָקסקאַמף. וולאַדימיר קערט זיך אום, גייט אים פאַרביי, ער באַוועגט זיך אויף דער בינע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. עסטראַגאָן טאָכט אַ פּאָר שריט אין זיין ריכטונג און בלייבט שטיין).

עסטראַגאָן (ווייך)

האָסט מיר געוואָלט עפּעס זאָגן?

(וולאַדימיר ענטפערט נישט. עסטראַגאָן קומט אַ שריט נענטער)

רעד, דידי... האָסט מיר עפּעס צו זאָגן?

(שווייגן. ער קומט נאָך אַ טראַט נענטער)

וולאַדימיר (מאַכט נאָך אַ שריט פאַרויס)

כ'האָב דיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

עסטראַגאָן (מאַכט נאָך אַ שריט פאַרויס)

ביסט ברוגז? (שווייגן. נאָך אַ שריט)

זיי מיר מוחל! (ער באַרירט וולאַדימירס פּלייצע)

הער זיך צו, דידי, (שווייגן) גיב מיר דיין האַנט!

(וולאַדימיר קערט זיך אום צו אים)

נעם מיך אַרום!

(וולאַדימיר שטויסט אים אָפּ) זיי נישט אַזוי.

(וולאַדימיר ווערט ווייכער. זיי נעמען זיך אַרום. עסטראַגאָן קערט זיך אָפּ)

דו שטינקסט מיט קנאָבל.

וולאַדימיר

מען זאָגט אַז ס'איז געזונט פאַר די נירן.

(שווייגן. עסטראַגאָן באַטראַכט דעם בוים)

וואָס זאָלן מיר איצט טאָן?

עסטראַגאָן

וואַרטן.

וולאַדימיר

און בעתן וואַרטן?

עסטראַגאָן

אפשר הענגען מיר זיך אויף?

וולאַדימיר

דאַן גייט איינער פון אונדז אַ גאַנג...

עסטראַגאָן (געררייצט)

איינער?

וולאַדימיר

עס לוינט זיך נישט. דאָ ווו מ'פאַלט אַראָפּ וואַקסן אַל־ראוּנעןַ*; דעריבער שרייען זיי ווי מענטשן ווען מען רייסט זיי אויס, דו האָסט דאָס נישט געוווּסט?

עסטראַגאָן

קום! דאָס קלוגסטע וועט זיין מיר זאָלן זיך תיכף אויפ־הענגען!

וולאַדימיר

אויף אַ צווייג?

(זיי דערנענטערן זיך צום בוים און באַטראַכטן אים)

קאָן מען זיך אויף אַזאַ צווייג פאַרלאָזן?

עסטראַגאָן

צום מינדסטן קאָנען מיר פּראָבירן.

וולאַדימיר

אַנו, פּראָביר.

עסטראַגאָן

נאָך דיר.

וולאַדימיר

ניין, קודם דו.

עסטראַגאָן

פאַר וואָס איך?

---

* אַלראוּנען — כּישוף־וואָרצל.

וולאַדימיר

דו ביסט גרינגער פון מיר.

עסטראַגאָן

גראָד דערפאַר וואָלט עס נישט געווען אויסגעהאַלטן.

וולאַדימיר

דאָס פאַרשטיי איך נישט.

עסטראַגאָן

אַנו, קלער אַ ביסל נאָך — דו!

וולאַדימיר (קלערט נאָך)

כ׳פאַרשטיי עס פאָרט נישט.

עסטראַגאָן

איך וועל עס דיר דערקלערן. (פאַרטראַכט זיך) דער צווייג...
דער צווייג... (ווילד) טו זיך אָן אַ כוח צו פאַרשטיין!

וולאַדימיר

איך פאַרלאָז זיך אין גאַנצן אויף דיר!

עסטראַגאָן (אָנגעשטרענגט)

גאָגאָ לייכט — צווייג נישט ברעכן — גאָגאָ טויט. דידי!
שווער — צווייג ברעכן — דידי אַליין. (פויזע) דאַקעגן...
(ער זוכט דאָס פּאַסיקע וואָרט)

וולאַדימיר

וועגן דעם האָב איך אין גאַנצן נישט געטראַכט.

עסטראַגאָן (געפינט די פּאַסיקע ווערטער)

דאַקעגן ווען דער צווייג וועט דיך אויסהאַלטן, ריזיקיר
איך גאָרנישט.

וולאַדימיר

איך וועג דען מער פון דיר?

עסטראַגאָן

דו זאָגסט עס שטענדיק. איך ווייס עס נישט. די שאַנסן זענען ווייזט אויס איינס אויף איינס.

וולאַדימיר

וואָסזשע זאָלן מיר טאָן?

עסטראַגאָן

גאָרנישט. דאָס איז דאָס קלוגסטע.

וולאַדימיר

גוט, וואַרטן מיר אָפּ ביז מיר וועלן הערן וואָס ער האָט אונדז צו זאָגן.

עסטראַגאָן

ווער?

וולאַדימיר

גאָדאָ.

עסטראַגאָן

אָ, יאָ.

וולאַדימיר

כדאי צו וואַרטן אויף אַ קלאָרן באַשייד.

עסטראַגאָן

אפשר וואָלט פאָרט געווען בעסער זיך אויפצוהענגען, דאָס הייסט: שמידן דאָס אייזן איידער עס ווערט אייז־קאַלט.

וולאַדימיר

כ׳בין נייגעריק וואָס ער וועט אונדז פאָרלייגן. יעדנפאַלס פאַרפליכטעט עס אונדז צו גאָרנישט.

עסטראַגאָן

וועגן וואָס האָבן מיר אים געבעטן?

וולאַדימיר

דו ביסט נישט געווען דערביי?

עסטראַגאָן

כ'האָב זיך נישט צוגעהערט.

וולאַדימיר

נו, יאָ... מען קאָן נישט זאָגן אַז ס'איז געווען וועגן אַ באַ־
שטימטער זאַך...

עסטראַגאָן

מיר האָבן אים פאָרגעלייגט אַ מין בקשה.

וולאַדימיר

זייער ריכטיק.

עסטראַגאָן

אַ נישט־דעפינירטן פאַרלאַנג.

וולאַדימיר

מע קאָן עס אַזוי אויך אָנרופן.

עסטראַגאָן

און וואָס האָט ער אונדז געענטפערט?

וולאַדימיר

אַז ער וועט זען.

עסטראַגאָן

אַז ער קאָן גאָרנישט צוזאָגן.

וולאַדימיר

אַז ער מוז זיך עס איבערלייגן.

עסטראַגאָן

מיט אַ קלאָרן קאָפּ.

וולאַדימיר

זיין משפחה פרעגן.

עסטראַגאָן

זיינע פריינד.

וולאַדימיר

זיינע אַגענטן.

עסטראַגאָן

זיינע קאָרעספּאָנדענטן.

וולאַדימיר

ער מוז זיינע רעגיסטערס אַדורכזען.

עסטראַגאָן

זיין באַנק־קאָנטאָ.

וולאַדימיר

איידער ער קאָן געבן אַ קלאָרע תשובה.

עסטראַגאָן

נו, דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך אַזוי.

וולאַדימיר

ס'איז נאָרמאַל אַזוי...

עסטראַגאָן

אַזוי זעט עס זיך מיר אויס.

וולאַדימיר

מיר אויך. (שטילקייט)

עסטראַגאָן (אומרויִק)

און מיר?

וולאַדימיר

ווי אַזוי זאָגסטו?

עסטראַגאָן

כ'האָב געפרעגט: און מיר?

וולאַדימיר

כ'פאַרשטיי נישט.

עסטראַגאָן

ווועלכע ראָלע שפּילן מירביידע דערביי ?

וולאַדימיר

אונדזער ראָלע ?

עסטראַגאָן

יאָ — אייל זיך נישט מיטן ענטפערן...

וולאַדימיר

אונדזער ראָלע ? — בעטלערס !

עסטראַגאָן

אַזוי טיף זענען מיר געזונקען ?

וולאַדימיר

דער „הער" האָט אַ רעכט אויף פאָדערונגען ?

עסטראַגאָן

מיר האָבן שוין קיין שום רעכט נישט ?

(וולאַדימיר לאַכט און הערט פּלוצלינג אויף)

וולאַדימיר

דו וואָלסט מיך געבראַכט צום לאַכן, ווען איך זאָל זיך עס קאָנען דערלויבן.

עסטראַגאָן

ווו איז עס אַהינגעקומען ?

וולאַדימיר (קלאָר און דייטלעך)

מיר האָבן עס פאַרטאַבלעוועט.

(שווייגן. זיי בלייבן אומבאַוועגלעך שטיין מיט שלאַף־אַראָפּהענגענדיקע אַרעמס, איינגעבויגענע קני און אַראָפּגעלאָזטע קעפּ)

עסטראַגאָן (מוטלאָז)

אָבער געבונדן זענען מיר נישט ? (פּויזע) האַ ?

וולאַדימיר

(הייבט אויף אַ האַנט)

האַרך!

(זיי בלייבן אין דער דאַזיקער גראָטעסקער פּאָזע און האָרכן)

עסטראַגאָן

איך הער גאָרנישט.

וולאַדימיר

פּסט...

(זיי האָרכן. עסטראַגאָן פאַלט שיר אום. ער כאַפּט אָן וולאַדימירס אָרבל און דער וואַקלט זיך אויך. זיי בלייבן שטיין און קוקן זיך אין די אויגן אַריין)

איך הער אויך גאָרנישט.

(זיי זיפצן דערלייכטערט און צעגייען זיך)

עסטראַגאָן

דו האָסט מיך איבערגעשראָקן.

וולאַדימיר

איך האָב שוין געמיינט אַז ער איז עס.

עסטראַגאָן

ווער?

וולאַדימיר

גאָדאָ.

עסטראַגאָן

וויים איך וואָס! דער ווינט פייפט דורך די געוויקסן, ביים טייך.

וולאַדימיר

כ'וואָלט געקאָנט שווערן אַז עמעצער האָט געשריגן.

עסטראַגאָן

גערשריגן? צו וואָס דאַרף ער שרייען?

וולאַדימיר

צו רופן זיין פערד. (זיי שווייגן)

עסטראַגאָן

קום, לאָמיר גיין.

וולאַדימיר

וואָהין? (פויזע) היינט וועלן מיר שוין אפשר שלאָפן אין דער וואַרעם, מיט אַ פולן מאָגן, אויף טרוקן שטרוי — אויף דעם לוינט עס זיך צו וואַרטן. נישט אַזוי?

עסטראַגאָן

נישט די גאַנצע נאַכט.

וולאַדימיר

ס'איז נאָך טאָג. (זיי שווייגן)

עסטראַגאָן

כ'בין הונגעריק.

וולאַדימיר

ווילסט אַ מייערל?

עסטראַגאָן

ס'איז נישטאָ עפּעס אַנדערש?

וולאַדימיר

אפשר זענען נאָך פאַראַן אַ פּאָר רעטעכלעך.

עסטראַגאָן

גיב מיר דאָס מייערל.

(וולאַדימיר זוכט אין זיינע קעשענעס, שלעפּט אַרויס אַ רעטעכל און גיט עס עסטראַגאָנען) אַ דאַנק. (ער בייסט איין און באַקלאָגט זיך)

ס'איז אַ רעטעך!

וולאַדימיר

אַ, אַנטשולדיק! איך וואָלט געשווירן אַז ס׳איז אַ מייער. (ער זוכט אין די קעשענעס) אַלע זענען רעטעכער. (ער זוכט ווייטער) דו האָסט דעם לעצטן מייער שוין אויפגעגעסן. (ער זוכט) וואַרט. דאָ איז ער. (ער שלעפּט אַרויס אַ מייער און גיט אים עסטראַגאָנען) דאָ האָסטו, מיין ליבער. (עסטראַגאָן פּוצט אים אָפּ אינעם אַרבל און פאַנגט אָן עסן) גיב אַהער דעם רעטעך. (עסטראַגאָן גיט צוריק דעם רעטעך) עס ביסלעכווייז. ס׳זענען נישטאָ מער קיין מייערלעך.

וולאַדימיר (קייענדיק)

איך האָב דיך עפּעס געפרעגט.

וולאַדימיר

יאָ!

עסטראַגאָן

האָסט מיר שוין געענטפערט?

וולאַדימיר

ס׳אַ געשמאַק מייערל?

עסטראַגאָן

ס׳איז זיס.

וולאַדימיר

אויב אַזוי, איז גוט. (פּויזע) וואָס האָסטו געוואָלט וויסן?

עסטראַגאָן

איצט געדענק איך עס נישט מער (ער קלערט) און דאָס פאַרדריסט מיך.

(ער באַטראַכט דעם מייער מיט באַוואונדערונג. ער האַלט אים מיט די שפּיץ־פינגער און פאָכעט מיט אים אין דער לופט)

הם... אַ מחיה!

(ער צמאָקעט דעם מייער. נאָכדענקענדיק)

כ'האָב זיך דערמאָנט!

וולאַדימיר

נו?

עסטראַגאָן (מיטן פולן מויל און פאַרטראַכט)

געבונדן זענען מיר נישט?

וולאַדימיר

כ'פאַרשטיי נישט.

עסטראַגאָן (קייעט און שלינגט)

כ'פרעג צי מיר זענען געבונדן?

וולאַדימיר

געבונדן?

עסטראַגאָן

געבונדן.

וולאַדימיר

ווי אַזוי געבונדן?

עסטראַגאָן

ביי די הענט און ביי די פיס.

וולאַדימיר

אָבער — אָן וועמען? דורך וועמען?

עסטראַגאָן

אָן דיין גוטן מאַן...

וולאַדימיר

אָן גאָדאָ? געבונדן אָן גאָדאָ? ווי פאַלט עס דיר איין? קיין מאָל אין לעבן נישט! (פויזע) נאָך נישט — (ער באַטאָנט דאָס וואָרט „נאָך")

עסטראַגאָן

ער הייסט גאָדאָ?

וולאַדימיר

אַזוי גלויב איך.

עסטראַגאָן

דו ווייסט (ער פירט דעם רעשט מייער אַהין־און־אַהער פאַר זיין נאָז) ס'איז אַ מאָדנע עסק — וואָס מער מען עסט אַלץ ווייניקער שפירט דער גומען אַ טעם.

וולאַדימיר

ביי מיר איז עס פונקט פאַרקערט.

עסטראַגאָן

דאָס הייסט?

וולאַדימיר

ביי מיר ווערט אַן עסן אַלץ באַטעמטער.

עסטראַגאָן

און דאָס הייסט (נאָך דעם ווי ער האָט זיך פאַרטראַכט) פאַרקערט?

וולאַדימיר

ס'איז פשוט אַ פראַגע פונעם טעמפעראַמענט.

עסטראַגאָן

פונעם כאַראַקטער.

וולאַדימיר

מען קען דערצו גאָרנישט טאָן.

עסטראַגאָן

מען מעג זיך ווערן ווי אַזוי מען וויל.

וולאַדימיר

מען בלייבט וואָס מען איז.

עסטראַגאָן

מען קאָן זיך ווענדן צו וועמען עס זאָל נישט זיין.

וולאַדימיר

אין תּוך ענדערט זיך גאָרנישט.

עסטראַגאָן

מען קאָן גאָרנישט טאָן.

(ער האַלט דעם שפּיץ פונעם מייער וולאַדימירן אַנטקעגן)

ווילסט אים אפשר אויפּעסן?

(מען הערט פון גאַנץ נאָענט אַ געשריי. עסטראַגאָן לאָזט פאַלן דעם מייער, זיי בלייבן ביידע ווי פאַרגליווערט; לויפן צו צו די קוליסן. עסטראַגאָן בלייבט שטיין אויף האַלבן וועג, גייט צוריק, הייבט אויף דעם מייער און שטופּט אים אַריין אין קעשענע; ער לויפט צו צו וולאַדימירן, וועלכער וואַרט אויף אים. ער בלייבט ווידער שטיין, גייט צוריק, הייבט אויף זיין שוך און קערט זיך אום צו וולאַדימירן. זיי נעמען זיך אַרום און בלייבן שטיין מיט איינגעצויגענע קעפּ אָפּגע־ווענדט פון דער דראָענדיקער געפאַר. עס טרעטן אויף פּאָזאָ און לאַקי. פּאָזאָ פירט לאַקין אויף אַ שטריק. דער שטריק איז געבונדן אַרום לאַקיס האַלדז. מען זעט פריִער לאַקין. און דעם שטריק. דער שטריק מוז זיין אַזוי לאַנג אַז לאַקי זאָל קאָנען קומען ביז אין דער מיט פון דער בינע איידער פּאָזאָ קומט אַרויס פון הינטער די קוליסן. לאַקי טראָגט אַ שווער רענצל, אַ צוזאַמלייג־שטול, אַ קויבער מיט עסן און אַ מאַנטל אויפן אָרעם. פּאָזאָ האַלט אַ בייטש)

פּאָזאָ (פון הינטער די קוליסן)

גיבער!

(ס'הערט זיך דאָס קנאַלן פון אַ בייטש. פּאָזאָ דערשיינט. לאַקי גייט פאַרביי עסטראַגאָנען און וולאַדימירן און פאַרלאָזט די בינע. פּאָזאָ שטעלט זיך אָפּ ווי נאָר ער דערזעט זיי. דער שטריק שפּאַנט זיך. פּאָזאָ ציט דעם שטריק)

צוריק!

(ס'הערט זיך דאָס געריוש פון אַ פאַל. לאַקי מיט זיין געפּעק איז אומגעפאַלן. וולאַדימיר און עסטראַגאָן קוקן אַהין און זענען נישט דעצידירט, צי זיי זאָלן זיך אַריינמישן. וולאַדימיר וויל זיך דערנענ־טערן צו לאַקין, עסטראַגאָן האַלט אים אָפּ).

וולאַדימיר

לאָז מיך צורו!

עסטראַגאָן

בלייב דאָ.

פּאָזאָ

פּאַרזיכטיק! ער בייסט! (עסטראַגאָן און וולאַדימיר קוקן אים אָן פרעמדע, נאַטירלעך.

עסטראַגאָן (שטילערהייט)

ס'איז ער?

וולאַדימיר

ווער, ער?

עסטראַגאָן

נו, דער...

וולאַדימיר

גאָדאָ?

עסטראַגאָן

איך גלויב אַז יאָ.

פּאָזאָ

דערלויבט מיר זיך פאָרצושטעלן: פּאָזאָ.

וולאַדימיר

ווייס איך וואָס.

עסטראַגאָן

ער האָט געזאָגט, גאָדאָ?

וולאַדימיר

ווייס איך וואָס.

עסטראַגאָן

מיין הער, מיין הער, איר זייט „הער גאָדאָ"?

פּאָזאָ (מיט אימפּאָנענץ)

איך בין פּאָזאָ! (שווייגן) דער נאָמען זאָגט אייך גאָרנישט?

(שווייגן) איך פרעג צי דער נאָמען זאָגט אייך עפּעס?

(וולאַדימיר און עסטראַגאָן קוקן זיך איבער)

עסטראַגאָן (טראַכט ווי ער וואָלט וועלן זיך דערמאָנען)

באָזאָ... באָזאָ...

וולאַדימיר (אויך אַזוי)

פּאָזאָ...

פּאָזאָ

יאָ, פּפּאָזזזאָ!

עסטראַגאָן

אָ, פּאָזאָ... יאָ, יאָ... פּאָזאָ.

וולאַדימיר

פּאָזאָ צי באָזאָ?

עסטראַגאָן

פּאָזאָ... ניין איך גלויב נישט...

וולאַדימיר (איבערבעטנדיק)

איך האָב געקענט אַ פאַמיליע גאָזאָ. די מוטער האָט שטענדיק געהאָפטן איבער אַ רעמל.

(פּאָזאָ דערנעענטערט זיך צו אים מיט דראָונג)

עסטראַגאָן (אויפגעלעבט)

מיר זענען נישט פון הי, מיין הער.

פּאָזאָ (בלייבט שטיין)

אָבער מענטשן זייט איר (ער טוט אָן זיינע ברילן און נעמט זיי ווידער אַראָפּ) פון דער זעלבער גאַטונג ווי איך! (ער לאַכט הילכיק) פון דער זעלבער גאַטונג ווי פּאָזאָ! געטלעכער אָפּשטאַמונג!

וולאַדימיר

דאָס הייסט...

פּאָזאָ

ווער איז גאָדאָ ?

עסטראַגאָן

גאָדאָ ?

פּאָזאָ

איר האָט מיך געהאַלטן פאַר גאָדאָ ?

וולאַדימיר

אָ, ניין, ניין, מיין הער, נישט קיין איינציקן אויגנבליק.

פּאָזאָ

ווער איז ער ?

וולאַדימיר

נו, יאָ, דאָס איז... דאָס איז אַ באַקאַנטער.

עסטראַגאָן

ווייס איך וואָס ! וואָס רעדסטו ? מיר קענען אים קוים.

וולאַדימיר

געוויס... מיר קענען אים נישט זייער גוט... אָבער פאָרט...

עסטראַגאָן

איך אַלנפאַלס וואָלט אים נישט דערקענט.

פּאָזאָ

איר האָט געמיינט אַז א י ך בין ע ר.

עסטראַגאָן

איר פאַרשטייט... די טונקלקייט... די מידקייט... דאָס וואַרטן... איך מוז צוגעבן : כ'האָב אַ רגע געגלויבט...

וולאַדימיר

הערט זיך נישט צו צו אים, מיין הער, הערט זיך נישט צו !

פאָזאָ

דאָס וואַרטן? איר וואַרט אויף אים?

וולאַדימיר

דאָס הייסט...

פאָזאָ

דאָ? אויף מיין נחלה?

וולאַדימיר

מיר האָבן עס געטאָן אָן בייזוויליקייט.

עסטראַגאָן

מיר האָבן עס געמיינט גוט.

פאָזאָ

נו, יאָ, דער שאָסיי איז צוגענגלעך פאַר יעדן.

וולאַדימיר

אַזוי האָבן מיר טאַקע געקלערט.

פאָזאָ

ס'איז אַ שאַנדע, אָבער וואָס לאָזט זיך טאָן?

עסטראַגאָן

דאָס קאָן מען נישט ענדערן.

פאָזאָ (מיט אַ ברייטן זשעסט)

רעדן מיר נישט מער וועגן דעם. (ער ציט דעם שטריק)
שטיי אויף! (פויזע) יעדעס מאָל ווען ער פאַלט אַנידער,
שלאָפט ער איין. (ער ציט דעם שטריק) שטיי אויף, נבלה!

(גערויש פון לאַקיס אויפשטיין און פונעם אויפהייבן די זאַכן.
פאָזאָ ציט דעם שטריק)

צוריק! (לאַקי גייט צוריק)

בלייב שטיין! (לאַקי בלייבט שטיין)

דריי זיך אויס!

(לאַקי דרייט זיך אויס, פּאָזאָ רעדט לייזועליק צו וולאַדימירן און עסטראַגאָנען)

מיינע פריינד, כ'בין גליקלעך וואָס כ'האָב אייך דאָ גע־טראָפן. (זיי מאַכן דערשטוינטע פּנימער)

יאָ, יאָ. זייט זיכער — גאַנץ אויפריכטיק געזאָגט — גליק־לעך. (ער ציט דעם שטריק)

נענטער צו! (לאַקי קומט עטוואָס פאָר) בלייב שטיין!

(לאַקי בלייבט שטיין. פּאָזאָ צו וולאַדימיר און עסטראַגאָן)

איר פאַרשטייט דאָך, מיינע פריינד — דער וועג זעט זיך אויס לענגער ווען מע וואַנדערט אַליין בעת...

(ער קוקט אויפן זייגער) בעת... (ער רעכנט)

זעקס שעה — יאָ, אַזוי איז עס, בעת קיילעכיקע זעקס שעה, אָן צו באַגעגענען אַ מענטשלעכער וועזן. (צו לאַקין) מאַנטל!

(לאַקי שטעלט אַוועק דאָס רענצל אויף דער ערד, דערלאַנגט דעם מאַנטל, גייט צוריק און הייבט ווידער אויף דאָס רענצל) האַלט מיר דאָס!

(פּאָזאָ דערלאַנגט אים די בייטש. לאַקי קומט צו און אַזוי ווי ער האָט נישט קיין פרייע האַנט בייגט ער זיך איין און נעמט די בייטש צווישן די ציין און גייט צוריק אויף זיין פּלאַץ. פּאָזאָ פאַנגט אָן אָנצוטאָן זיין מאַנטל און הערט אויף) מאַנטל! (לאַקי שטעלט אַלץ אַנידער, העלפט פּאָזאָ אָנטאָן דעם מאַנטל, גייט צוריק און נעמט אויף זיין געפּעק)

עס ווייעט אַ פרישע ווינטל.

(ער קנעפּלט צו דעם מאַנטל, בייגט זיך איין, באַטראַכט זיך און גלייכט זיך ווידער אויס)

בייטש! (לאַקי קומט צו, בייגט זיך איין, פּאָזאָ רייסט אים אַרויס די בייטש פונעם מויל. לאַקי גייט ווידער צוריק)

איר פאַרשטייט, מיינע פריינד? איך קאָן צו לאַנג אויף דער געזעלשאַפט פון מיינס גלייכן נישט פאַרציכטן.

(ער קוקט זיי אָן)

אויך נישט ווען זיי זעען אויס ווי נישט דערבאַקענע

(צו לאַקין) צולייגשטול!

(לאַקי שטעלט אַוועק דאָס רענצל און דעם קויבער אויף דר'ערד, גייט אַ ביסל פֿאָרויס, עפֿנט די צולייגשטול, שטעלט זי אַוועק און גייט צוריק און נעמט ווידער די זאַכן. פּאָזאָ זעצט זיך, באַרירט מיטן עק פֿון דער בייטש לאַקיס ברוסט און שטופּט אים צוריק)

צוריק! (לאַקי גייט אַ ביסל צוריק)

ווייטער אַוועק! (לאַקי גייט נאָך ווייטער צוריק) בלייב שטיין!

(לאַקי בלייבט שטיין. פּאָזאָ צו וולאַדימיר און עסטראַגאָן)

דעריבער וועל איך מיט אייער דערלויבעניש, אויף אַ ווײַלע, דאָ ביי אייך בלייבן, איידער איך וועל זיך ווידער לאָזן אין וועג אַריין. (צו לאַקין) קויבער!

(לאַקי קומט פֿאָרויס, דערלאַנגט אים דעם קויבער און גייט ווידער צוריק)

די פֿרישע לופֿט צערט.

(ער עפֿנט דעם קויבער, נעמט אַרויס שטיקלעך געבראָטענע הון, ברויט און אַ פֿלאַש וויין. צו לאַקין)

קויבער!

(לאַקי קומט צו, נעמט דעם קויבער, גייט צוריק און בלייבט שטיין)

אַ ביסל ווייטער! (לאַקי גייט נאָך ווייטער אַוועק)

שטיין בלייבן! (לאַקי בלייבט שטיין)

ער שטינקט! (ער טוט אַ פֿעסטן זופּ פֿון דער פֿלאַש)

לחיים! פֿאַר אונדזער אַלעמענס ווױלזיין!

(ער שטעלט די פֿלאַש אויף דער ערד און פֿאַנגט אָן עסן. שווייגן. עסטראַגאָן און וולאַדימיר באַקומען צו ביסלעך מוט. זיי דרייען זיך אַרום לאַקין און באַטראַכטן אים פֿון אַלע זייטן. פּאָזאָ עסט גיריק דאָס הינדל און וואַרפֿט אַוועק די ביינער, נאָך דעם ווי ער האָט זיי באַלעקט. לאַקין בייגן זיך די קני ביז ער באַרירט מיטן רענצל דעם באָדן, שטרעקט ער זיך ווידער אויס און זינקט ביסלעכווייז ווידער איין).

עסטראַגאָן

אַ מאָדנער פֿאַרשוין.

וולאַדימיר

ער איז, ווייזט אויס, שטאַרק מיד.

עסטראַגאָן

פאַר וואָס שטעלט ער זיין געפּעק נישט אַנידער?

וולאַדימיר

ווי אַזוי זאָל איך דאָס וויסן?

(זיי זענען צו אים צוגעגאַנגען נענטער)

זיי פאַרזיכטיק!

עסטראַגאָן

אפשר טוען מיר אים עפּעס אַ פרעג?

וולאַדימיר

קוק נאָר דאָס דאָ אָן.

עסטראַגאָן

וואָס?

וולאַדימיר (ווייזנדיק)

דעם האַלדז.

עסטראַגאָן (באַטראַכט אים)

איך זע גאָרנישט.

וולאַדימיר

קום אַהער. שטעל זיך דאָ אַנידער.

(עסטראַגאָן שטעלט זיך אויף וולאַדימירס פּלאַץ)

עסטראַגאָן

אָ וואַ!

וולאַדימיר

ער איז אין גאַנצן איין ווונד.

עסטראַגאָן

פונעם שטריק.

וולאַדימיר

אַנגעריבן.

עסטראַגאָן

קעגן דעם לאָזט זיך גאָרנישט טאָן.

וולאַדימיר

ס'איז אפשר גיכער פונעם קניפּ.

עסטראַגאָן

דאָס לאָזט זיך נישט אויסמיידן. (זיי זעצן פאָר די באַטראַכטונג פון זיין פּנים)

וולאַדימיר

אַזוי זעט ער גאַנץ פיין אויס.

עסטראַגאָן (ציט מיט די אַקסל און פאַרקרימט דאָס מויל)

מיינסט אַזוי?

וולאַדימיר

אַ ביסל פאַרוויבלעכט. כאָפּט דעם אַנבליק פון אַ יידענע.

עסטראַגאָן

ער סלינעט.

וולאַדימיר

וואָס לאָזט זיך טאָן?

עסטראַגאָן

זע, דאָס מויל שרימט ביי אים.

וולאַדימיר

אפשר איז ער גאָר אַן אידיאָט?

עסטראַגאָן

אַ קרעטין. (שטרעקט אויס דעם קאָפּ אויף בעסער צו זען)

וולאַדימיר (שטרעקט אויך דעם קאָפּ אויף בעסער צו זען)

עסטראַגאָן

דאָס קאָן מען נישט גענוי פעסטשטעלן.

ווּלאַדימיר

ער סאַפּעט.

עסטראַגאָן

ביי זיין אַרבעט איז דאָס נישט קיין װוּנדער.

ווּלאַדימיר

טו נאָר אַ קוק אויף זיינע אויגן.

עסטראַגאָן

וואָס איז דאָרט צו זען?

ווּלאַדימיר

זיי שטאַרצן ביי אים אַרויס.

עסטראַגאָן

איך מיין אַז ער האַלט ביים פּייגערן.

ווּלאַדימיר

ס׳זעט זיך מיר נישט אויס. (פּויזע) אַנו, פרעג אים עפּעס

עסטראַגאָן

מיינסט אַז ס׳איז כדאי?

ווּלאַדימיר

וואָס קאָן שוין זיין?

עסטראַגאָן

(אומזיכער)

אַנטשולדיקט...

ווּלאַדימיר

העכער!

עסטראַגאָן

אַנטשולדיקט...

פּאָזאָ

לאָזט אים צורו.

(זיי ווענדן זיך צו פּאָזאָן. ער האָט אויפגעהערט צו עסן אוןווישט מיט דער אויסנזייט פון דער האַנט דאָס מויל)

איר זעט נישט אַז ער וויל זיך אַ ביסל אויסרוען.

(ער נעמט אַרויס די ליולקע און פאַנגט אָן זי אָנצושטאָפּן. עסטראַגאָן זעט די ביינער אויף דער ערד און באַטראַכט זיי גיריק. פּאָזאָ רייבט אָן אַ שוועבעלע און באַמיט זיך אָנצוצינדן זיין ליולקע)

קויבער!

(לאַקי רירט זיך נישט. פּאָזאָ וואַרפט אַוועק, מיט כּעס, דאָס שוועבעלע און ציט דעם שטריק)

קויבער!

(לאַקי פאַלט שיר־נישט, קומט צו זיך, קומט צו נענטער, לייגט אַריין די פלאַש אינעם קויבער, קערט זיך אום און נעמט אָן זיין פריערדיקע פּאָזיציע. עסטראַגאָן לאָזט נישט אַראָפּ די אויגן פון די ביינער. פּאָזאָ רייבט אָן אַ צווייט שוועבעלע און צינדט אָן די ליולקע)

ס'לאָזט זיך גאַרנישט מאַכן — ער איז נישט פון פּאַך.

(ער פּיפּקעט די ליולקע און שטרעקט אויס פּאַר זיך די פּיס)

אַ, אַזוי איז גוט.

עסטראַגאָן (נישט דרייסט)

מיין הער...

פּאָזאָ

וואָס איז, מיין זון?

עסטראַגאָן

איר עסט... איר דאַרפט נאָך די ביינער?

וולאַדימיר (ברוגז)

האָסט נישט געהאַט קיין צייט צו וואַרטן?

פּאָזאָ

איך בעט אייך זייער! ס'מאַכט נישט אויס — איר פרעגט צי איך דאַרף נאָך די ביינער?

(ער שיבט די ביינער מיטן עק פון דער בייטש, עטוואָס ווייטער אַוועק)

ניין, איך פערזענלעך דאַרף זיי נישט מער.

(עסטראַגאָן דערנענטערט זיך צו די ביינער)

אָבער... (עסטראַגאָן בלייבט שטיין)

על־פּי־דין געהערן זיי דעם טרעגער. ביי אים מוזט איר זיי בעטן. (עסטראַגאָן ווענדט זיך צו לאַקין, ער צעגערט...)

פרעגט אים, פרעגט אים, שרעקט זיך נישט.ער וועט אייך ענטפערן. (עסטראַגאָן גייט צו און בלייבט שטיין פאַר לאַקין)

עסטראַגאָן

אַנטשולדיקט מיין הער... מיין הער...

(לאַקי רעאַגירט נישט. פּאָזאָ קנאַלט מיט דער בייטש. לאַקי הייבט אויף דעם קאָפּ)

פּאָזאָ

מען רעדט דאָך צו דיר, חזיר! ענטפער! (צו עסטראַגאָן) נו, פרעגט אים!

עסטראַגאָן

אַנטשולדיקט מיין הער, די ביינער... איר ווילט זיי?

(לאַקי קוקט אויף עסטראַגאָנען אַ לאַנגע צייט)

פּאָזאָ (זיסלעך)

„מיין הער", (לאַקי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ) ענטפער! דו ווילסט זיי אָדער דו ווילסט זיי נישט?

(לאַקי שווייגט. פּאָזאָ צו עסטראַגאָן)

זיי געהערן אייך.

(עסטראַגאָן וואַרפט זיך אויף די ביינער, הייבט אָן זיי צו גריזשען)

מערקווירדיק, ס'איז דאָס ערשטע מאָל וואָס ער זאָגט זיך אָפּ פון אַ ביין. (ער קוקט באַאומרויִקט אויף לאַקין)

איך האָף אַז ער וועט זיך נישט דערלויבן דעם שפּאַס קראַנק צו ווערן (ער פּיפּקעט די ליולקע).

וולאַדימיר (אויסער זיך)

ס'איז א שאַנדע!

(שווייגן. עסטראַגאָן וווּנדערט זיך און הערט אויף צו נאָגן דעם ביין. ער קוקט אויף זיי. פּאָזאָ איז גאַנץ רויִק. וולאַדימיר אַלץ מער באַנומען)

פּאָזאָ (צו וולאַדימיר)

מיינט איר אפשר מיך דערמיט?

וולאַדימיר (אַנטשלאָסן, אָבער זיך פאַרהיקענדיק)

אַ מענטש (ווייזט אויף לאַקין) אַזוי צו באַהאַנדלען! דאָס איז אַ מענטשלעך וועזן... ניין! ס'איז אַ שאַנדע!

עסטראַגאָן (נישט וועלנדיק הינטערשטעליק זיין)

אַ סקאַנדאַל! (ער נאָגט ווייטער דעם ביין)

פּאָזאָ

איר זענט האַרט אין אייער אורטייל (צו וולאַדימירן) ווי אַלט זענט איר? אויב ס'איז מיר דערלויבט צו פרעגן? (שווייגן) זעכציק... זיבעציק? (צו עסטראַגאָן) ווי אַלט קאָן ער זיין?

עסטראַגאָן

פרעגט אים.

פּאָזאָ

איך בין אומדיסקרעט.

(ער קלאַפּט אויס זיין ליולקע אָן דער בייטשס הענטל און שטייט אויף)

נו, איך פאַרלאָז אייך. אַ דאַנק פאַר דער פריינדלעכער אויפנאַמע. (ער קלערט נאָך אַ ווײַלע)

אפשר איז פאַרט כדאי נאָך אַ ליולקע־טאַבעק דאָ ביי אייך צו רויכערן? וואָס זאָגט איר דערצו? (זיי זאָגן גאָרנישט) אָ, איך בין נאָך אַ מעסיקער רויכערער. אַ גאַנץ מעסיקער רויכערער. עס איז נישט מיין געוווינשאַפט צוויי ליולקעס

טאַבאַק נאָך אַנאַנד צו רויכערן. דערפון (ער ווייזט אויף זיין האַרץ) קריג איך האַרצקלאַפּעניש, (פּויזע) דאָס מאַכט דער ניקאָטין. מען ציט אים איין אַפּילו ווען מען האַלט איין אַלע כללים פון אָפּגעהיטקייט (ער זיפצט) וואָס לאָזט זיך טאָן? (פּויזע) אָבער איר זענט אפשר „נישט קיין רויכער־ רער"? יאָ? ניין? נו, ס'איז אויך נישט וויכטיק (פּויזע) ווי אַזוי זאָל איך זיך איצט ווידער אַוועקזעצן נאָך דעם ווי איך בין שוין איין מאָל אויפגעשטאַנען און עס זאָל נישט אויסזען, ווי זאָל איך זאָגן, ווי כ'וואָלט זיך האָבן איינגע־ בראָכן? (צו וולאַדימיר) איר האָט עפּעס געזאָגט? (שווייגן) איר האָט גאָרנישט געזאָגט? (שווייגן) גוט, ס'איז אויך נישט וויכטיק. נו, יאָ. (ער פאַרטראַכט זיך)

וולאַדימיר

קום, מיר גייען.

עסטראַגאָן

שוין?

פּאָזאָ

איין מינוט! (ער ציט דעם שטריק) צולייגשטול!

(ער ווייזט אָן דעם פּלאַץ מיט דער בייטש. לאַקי שטעלט דאָרט די שטול)

ווייטער אַ ביסל, דאָ!

(ער זעצט זיך אַנידער. לאַקי גייט צוריק און נעמט אויף דאָס געפּעק)

אָט אַזוי, איצט זיץ איך שוין ווידער!

(ער שטאָפּט ווידער זיין ליולקע)

וולאַדימיר

נו — מיר גייען!

פּאָזאָ

איך האָב אַז נישט איך פּאַרטרייב אייך. בלייבט נאָך אַ ווײַלע. עס וועט אייך קיין שאָדן נישט ברענגען.

עסטראַגאָן (האַפּנדיק אויף אַ נדבה)

מיר האָבן צייט.

פּאָזאָ (נאָך דעם, ווי ער האָט אָנגעצונדן זײַן ליולקע)

די צווייטע האָט שוין נישט, וואָלט איך געזאָגט, דעם זעלבן טעם.

(ער נעמט אַרויס די ליולקע און באַטראַכט זי, טראָגט זי צו צום מויל)

אָבער כ׳האָב פון איר אויך הנאה.

וולאַדימיר

איך גיי!

פּאָזאָ

ער קאָן מײַן אָנוועזנהייט מער נישט פאַרטראָגן. כ׳בין אפשר נישט באַזונדערס הומאַן, אָבער איז דאָס אַ גרונט?

(צו וולאַדימיר)

איבערלייגט עס אייך גוט איידער איר גייט אָפּטאָן אַזאַ נאַרישקייט. אָנגענומען אַז איר וועט איצט אַוועקגיין, אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך טאָג.

(אַלע דריי קוקן צום הימל)

וואָס וועט ווערן... (ער נעמט די ליולקע און באַטראַכט זי)

זי איז אויסגעגאַנגען... (ער צינדט זי אָן)

וואָס וועט ווערן פון אייער אָפּרעדונג מיט דעם גאָנאָ... גאָדאָ... גאָבאָ? (פּויזע) איר ווייסט שוין וועמען איך מיין — מיט דעם דאָזיקן, פון וועמען ס׳איז אָפּהענגיק אייער צוקונפט. (פּויזע) אַלנפאַלס אייער נאָנטסטע צוקונפט...

עסטראַגאָן

ער איז גערעכט.

וולאַדימיר

ווי אַזוי ווייסט איר דאָס אַלץ?

פּאָזאָ

זע נאַר, ער רעדט דאָך שוין ווידער מיט מיר! צום סוף וועלן מיר נאָך ווערן גוטע פריינד.

עסטראַגאָן

פאַר וואָס שטעלט ער נישט אַוועק זיין געפּעק?

פּאָזאָ

איך אַליין וואָלט אויך גערן זיך באַגעגנט מיט דעם דאָזיקן מאַן. מיט וואָס מער מענטשן איך באַגעגן זיך אַלץ צופרי־דענער בין איך, איר ווייסט — אויך פון דעם נידעריקסטן באַשעפעניש קאָן מען זיך באַרייכערן און לערנען דאָס אייגענע גליק בעסער צו געניסן. אַפילו איר — ווער ווייסט. צי וואָלט איר מיר נישט געקאָנט עפּעס געבן...

(ער באַטראַכט זיי פאַרשנדיק)

עסטראַגאָן

פאַר וואָס שטעלט ער זיין געפּעק נישט אַנידער?

פּאָזאָ

אָבער — ס׳וואָלט מיך שטאַרק וווּנדערן...

וולאַדימיר

מען האָט אייך געשטעלט אַ פראַגע.

פּאָזאָ (באַגייסטערט)

אַ פראַגע? ווער? וואָס פאַרא פראַגע (שווייגן) ערשט האָט איר מיך ציטערנדיק „מיין הער" גערופן און

איצט שטעלט איר מיר שוין פֿראַגעס? דאָס קאָן זיך שלעכט ענדיקן.

וולאַדימיר (צו עסטראַגאָן)

איצט, גלויב איך, הערט ער זיך שוין צו. פֿרעג אים.

עסטראַגאָן (דרייט זיך ווידער אַרום לאַקין)

האָ?

וולאַדימיר

דו קאָנסט אים איצט פֿרעגן, ער איז שוין גרייט.

עסטראַגאָן

וואָס זאָל איך אים פֿרעגן?

וולאַדימיר

פֿאַר וואָס יענער שטעלט נישט אַנידער זיין געפּעק.

עסטראַגאָן

דאָס פֿרעג איך זיך אַליין אויך.

וולאַדימיר

אים זאָלסטו פֿרעגן, אָבער שוין!

פּאָזאָ (האָט מורא אַז מען זאָל די פֿראַגע נישט פֿאַרגעסן און פֿאָלגט נאָך אויפֿמערקזאַם זייער געשפּרעך)

איר פֿרעגט פֿאַר וואָס ער שטעלט נישט אַנידער דאָס געפּעק — ווי אַזוי אייך איז באַקוועם זיך אויסצודריקן?

וולאַדימיר

יאָ.

פּאָזאָ (צו עסטראַגאָן)

איר מיינט אויך דאָס אייגענע?

עסטראַגאָן (דרייט זיך אַרום לאַקין)

ער שנאַפּט די לופֿט ווי אַ ים־בער?

פּאָזאָ

איך וועל אייך גערן ענטפערן.

(צו עסטראַגאָן)

טוט מיר נאָר אַ טובה און זייט אַ ביסל רויק. איר מאַכט מיך נערוועיש.

וולאַדימיר

קום אַהער!

עסטראַגאָן

וואָס איז?

וולאַדימיר

ער וויל עפּעס זאָגן.

(זיי שטייען אומבאַוועגלעך, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן און וואַרטן)

פּאָזאָ

אויסגעצייכנט. אַלע זענען דאָ? אַלע קוקן צו מיר?

(ער קוקט צו לאַקין און ציט דעם שטריק. לאַקי הייבט אויף דעם קאָפּ)

אַהערצו זאָלסטו קוקן, דו חזיר דו! (לאַקי קוקט אים אָן)

אויסגעצייכנט!

(ער שטעקט אַריין די ליולקע אין מויל, שלעפּט אַרויס אַ קליין שפּריץ־באַלעכל, נעמט אַרויס די ליולקע, שפּריצט זיך אַריין אין שלונד, באַהאַלט דאָס באַלעכל אין קעשענע, הוסט אַ ביסל, שפּייט אויס, נעמט ווידער אַרויס דאָס באַלעכל, באַשפּרענקלט זיין שלונד און באַהאַלט עס ווידער אין קעשענע)

איצט בין איך אַזוי ווייט, אַלע הערן זיך צו?

(ער קוקט צו לאַקין, ציט דעם שטריק)

אַ ביסל ווייטער אַוועק! (לאַקי גייט אַוועק עטוואָס ווייטער)

בלייב שטיין! (לאַקי בלייבט שטיין) אַלע זענען גרייט?

(ער קוקט אָן אַלע, לאַקין צום סוף. ער ציט דעם שטריק)

שוין ווידער? (לאַקי הייבט אויף דעם קאָפּ)

איך האָב פיינט צו רעדן צו דער וואַנט. גוט! אַלזאָ...

(ער קלערט נאָך)

עסטראַגאָן

איך גיי!

פּאָזאָ

וועגן וואָס האָט איר מיך געפרעגט?

וולאַדימיר

פאַר וואָס ער...

פּאָזאָ (מיט כעס)

האַקט מיר נישט איבער די רייד!

(פּויזע. רויִקער)

אַז מיר וועלן אַלע גלייכצייטיק רעדן, קומען מיר נישט צו קיין אויספיר. (פּויזע)

וואָס האָב איך געהאַט געזאָגט?

(וולאַדימיר מאַכט נאָך די פּאַנטאָמימע פון איינעם וואָס טראָגט אַ שווער געפעק. פּאָזאָ קוקט אויף אים און פאַרשטייט נישט וואָס ער מיינט)

עסטראַגאָן (מיט באַטאָנונג)

געפעק! (ער ווייזט אויף לאַקין)

פאַר וואָס? שטענדיק האַלטן?

(ער מאַכט נאָך איינעם וואָס זינקענדיק שנאַפּט ער נאָך לופט)

קיינמאָל נישט אַוועקשטעלן?

(ער עפנט די הענט און גלייכט זיך אויס דערלייכטערט)

פאַר וואָס?

פּאָזאָ

אַ, אַזוי גאָר? פאַר וואָס האָט איר נישט באַלד געזאָגט? איר ווילט וויסן פאַר וואָס ער מאַכט זיך עס נישט באַקוועם? פּראָבירן מיר דאָס צו אַנאַליזירן: האָט ער רעכט

דערצו? יאָ — ער האָט עס — איז פֿאַר וואָס טוט ער עס נישט? ווייל ער וויל נישט. דאָס איז דאָך לאָגיש. און — פֿאַר וואָס וויל ער נישט? (פּויזע) דאָס, מיינע הערן, בין איך גרייט אייך צו זאָגן.

עסטראַגאָן

הערט זיך צו.

פּאָזאָ

ער וויל מיך באַאיינדרוקן בכדי איך זאָל אים האַלטן.

עסטראַגאָן

ווי אַזוי זאָגט איר?

פּאָזאָ

כ'האָב זיך אפשר אויסגעדריקט נישט קלאָר — ער פּראָ־בירט מיך ווייך צו מאַכן. ער וויל, אַז איך זאָל אים נישט אָוועקטרייבן — ניין, אויך דאָס, אויך אַזוי, שטימט עס נישט גאַנץ גענוי...

וולאַדימיר

איר ווילט אים פּטרן?

פּאָזאָ

ער וויל מיך אונטערקויפֿן, אָבער עס וועט אים נישט גע־לינגען

וולאַדימיר

איר ווילט אים פּטרן?

פּאָזאָ

ער רעדט זיך איין אַז וויבאַלד ער וועט זיך האָבן אַרויס־געוויזן אַלס אַ גוטער טרעגער, וועל איך אים אין דער צוקונפֿט אויך דערצו פֿאַרווענדן.

עסטראַגאָן

איר ווילט אים נישט מער האַלטן ?

פּאָזאָ

ער שלעפּט מיין געפּעק אויף אַ חזרישן אופן. ס׳איז נישט זיין פאַך.

וולאַדימיר

איר ווילט אים פּטרן ?

פּאָזאָ

ער מאָלט זיך אויס אַז איך וועל מיין באַשלוס אים אָוועקצושיקן ענדערן, וויבאַלד כ׳וועל אים זען אַזוי אַן אומדערמידלעכן ; דאָס איז זיין שענדלעכער חשבון — גלייך ווי מיר וואָלט פעלן דינערשאַפט !

(אַלע קוקן צו לאַקין)

מיר ! אַטלאַס, יופּיטערס זון ! (פּויזע)

אַלזאָ איך גלויב אַז כ׳האָב אויף אייער פראַגע צופרידנשטעלנדיק געענטפערט. איר האָט נאָך אַנדערע פראַגעס צו שטעלן ? (ער באַשפּרענקלט ווידער זיין האַלדז)

וולאַדימיר

איר ווילט אים אָוועקשיקן ?

פּאָזאָ

מאָלט זיך אויס, ווען דער צופאַל וואָלט עס אַנדערש געוואָלט, וואָלט איך געווען אין זיין הויט און ער — אין מיינער. אָבער — יעדן לויט זיין פאַרדינסט !

וולאַדימיר

איר ווילט אים פּטרן ?

פּאָזאָ

ווי אַזוי זאָגט איר ?

וולאַדימיר

איר ווילט אים פטרן ?

פּאָזאָ

אַזוי איז עס. אָבער אַנשטאָט אים אַוועקצוטרייבן, לויט מיין רעכט, דאָס הייסט אַנשטאָט אים פּשוט מיט אַ שטויס אַרויסצוּוואַרפן, פיר איך אים נאָך — ס'איז מיינס אַ שוואַכ־קייט: צו זיין גוט — צום סאַלוואַטאַרע מאַרק וווּ איך וועל אים פאַרקויפן און ער וועט מיר נאָך אַ פּאָר גראָשן אַריינברענגען. צווישן אונדז געזאָגט, אַזעלכע בריות אַוועקטרייבן איז נישט די פּאַסיקסטע לייזונג — דאָס בעס־טע וואָלט געווען: מען ברענגט זיי אום.

(לאַקי וויינט)

עסטראַגאָן

ער וויינט.

פּאָזאָ

אַלטע הינט האָבן מער באַגריף פון „ערע" ווי ער.

(ער דערלאַנגט עסטראַגאָנען אַ שנופּ־טיכל)

נו, אַז איר באַדויערט אים אַזוי, טאָ טרייסט אים אַ ביסל...

(עסטראַגאָן צעגערט) נאַ, נעמט...

(עסטראַגאָן נעמט דאָס נאָז־טיכל)

ווישט אים אויס די אויגן וועט ער זיך נישט פילן אַזוי פאַרלאָזט.

(עסטראַגאָן צעגערט נאָך אַלץ)

וולאַדימיר

גיב אהער, איך וועל עס טאָן.

(עסטראַגאָן וויל נישט געבן דאָס טיכל, זיי מאַכן קינדישע זשעסטן)

פּאָזאָ

איילט זיך צו! ער וועט באַלד אויפהערן צו וויינען.

(עסטראַגאָן דערנענטערט זיך צו לאַקין און איז גרייט אים אָפּצווישן די טרערן. לאַקי דערלאַנגט אים מיטן גאַנצן כוח אַ קאָפּע אין שינ־ביין. עסטראַגאָן לאָזט פאַלן דאָס נאָז־טיכל, שפּרינגט צוריק און לויפט הינקענדיק איבער דער בינע. ער יאָמערט פון ווייטיק)

טאַשנטוך!

(לאַקי שטעלט אַוועק דאָס געפּעק, גיט פּאָזאָן דאָס טיכעלע, גייט צוריק און נעמט ווידער אויף דאָס געפּעק)

עסטראַגאָן

דו לומפּ איינער, דו... דו הינטישער חזיר!

(ער קאַטשעט אַרויף די הויז)

ער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ קאַליקע!

פּאָזאָ

איך האָב אייך געוואָרנט: ער קאָן פרעמדע נישט ליידן.

וולאַדימיר (צו עסטראַגאָן)

לאָז זען.

(עסטראַגאָן ווייזט אים דעם פוס. צו פּאָזאָן מיט כעס)

ער בלוטיקט!

פּאָזאָ

ס'איז אַ גוטער סימן!

עסטראַגאָן (האַלט אין דער הויך דעם פאַרוואונדעטן פוס)

איך וועל נישט מער קאָנען גיין.

וולאַדימיר (מיט צערטלעכקייט)

איך וועל דיך טראָגן. (פּויזע) אויב ס'וועט זיין נייטיק.

פּאָזאָ

ער וויינט נישט מער.

(צו עסטראַגאָן) איר האָט אים, אַזוי צו זאָגן, אָפּגעלייזט.

(טרוימעריש)

די טרערן פון דער וועלט זענען נישט אויסצושעפּן פאַר יעדן איינעם וואָס הערט אויף צו וויינען, הייבט ערגעצוווּ אָן אַנדערער ווידער אָן. אַזוי איז עס אויך מיטן לאַכן.

(ער לאַכט)

דעריבער קאָן מען נישט רעדן קיין שלעכטס וועגן אונדזער צייט. זי איז נישט ערגער ווי די פאַרגאַנגענע. (פּויזע) קיין באַזונדער גוטס קאָן מען אָבער וועגן איר אויך נישט זאָגן. (שווייגן) רעדן מיר בכלל נישט וועגן דעם. (שווייגן) אמת איז אַז די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרמערט...

וולאַדימיר

אָנו, פּראָביר צו גיין.

(עסטראַגאָן מאַכט אַ פּאָר הינקענדיקע שריט, בלייבט שטיין פאַר לאַקין, שפּייט אויף אים און זעצט זיך אויף זיין פריערדיקן פּלאַץ)

פּאָזאָ

אָנו, איר ווייסט אפשר ווער עס האָט מיך מיט די אַלע שיינע אידעען באַרייכערט?

(פּויזע. ער ווייזט אָן מיטן פינגער)

לאַקי!

וולאַדימיר (באַטראַכט דעם הימל)

ווען וועט שוין ווערן נאַכט?

פּאָזאָ

ווען נישט ער, וואָלט איך קיין מאָל נישט וועגן עפּעס אַנדערש געטראַכט אָדער עפּעס אַנדערש געפילט ווי די באַנאַלע זאַכן מיט וועלכע כ׳האָב געהאַט צו טאָן פון מיין באַרוף אויס — אַזוי ווי... נו, ס׳איז נישט וויכטיק — „דאָס שיינע", „די גנאָד", „דער העכסטער אמת". דאָס אַלץ

איז געווען צו הויך פאַר מיר, דאָס האָב איך געפילט און דעריבער האָב איך זיך צוגענומען אַ בעל־יועץ.

וולאַדימיר (הערט אויף צו קוקן אויפן הימל)

אַ בעל־יועץ?

פּאָזאָ

אַזוי... מיט אַ זעכציק יאָר צוריק...

(ער רעכנט אין געדאַנק)

יאָ, אַזוי מיט אַ זעכציק יאָר צוריק.

(ער גלייכט זיך שטאָלץ אויס)

ס׳איז נישט צו גלויבן, האָ? (וולאַדימיר קוקט צו לאַקין)

אַנטקעגן אים זע איך אויס ווי אַ יונגער־מאַן, נישט אמת?

(פּויזע. צו לאַקין)

הוט!

(לאַקי שטעלט אַנידער דעם קויבער און נעמט אַראָפּ זיין הוט, כוואַליעס ווייסע האָר צעשיטן זיך אויף זיינע אַקסל. ער נעמט דעם הוט אונטערן אָרעם און הייבט ווידער אויף דעם קויבער)

איצט קוקט אַהערצו!

(פּאָזאָ אַנטבלויזט זיין קאָפּ. אַלע פּערסאָנאַזשן טראָגן אין דער פּיעסע האַלב־צילינדערס, ד״ה שטייפע היטן. ער האָט נישט קיין איין האָר אויפן קאָפּ)

איר האָט געזען?

וולאַדימיר

וואָס איז דאָס אַזוינס אַ בעל־יועץ?

פּאָזאָ

נאַדיר! מיר ווייסן שוין אַז איר זענט נישט פון הי, אָבער פון הייַנטיקן יאָרהונדערט זענט איר? פריער פלעגט מען האַלטן אַ הויף־נאַר, היינט האַלט יעדער אַ בעל־יועץ, ווער עס קאָן זיך דערלויבן, נאַטירלעך.

ווליאַדימיר

און איצט ווילט איר אים אַוועקטרייבן? אַזאַ אַלטן, אַזאַ געטרייען דינער?

עסטראַגאָן

פּאַסקודסטווע! (פּאָזאָ ווערט אַלץ אומרויִקער)

ווליאַדימיר

נאָך דעם ווי איר האָט אים דעם מאַרך אויסגעזויגן וואַרפט איר אים אַוועק אַזוי ווי אַ... (ער זוכט דאָס וואָרט)
ווי אַ באַנאַנע־שאָלעכץ? איר מוזט צוגעבן אַז...

פּאָזאָ (כאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ און יאָמערט)

איך קאָן נישט מער... אַריבערטראָגן... וואָס ער טוט מיר אָפּ... איר קאָנט נישט וויסן... ער מוז זיך אָפּטשעפּען פון מיר, ס'איז שרעקלעך... (ער פּאָכעט מיט די אָרעמס)
איך ווער משוגע... (זיין קאָפּ זינקט אַראָפּ אין זיינע אָרעמס)
איך קאָן נישט מער... כ'קאָן נישט מער..

(שווייגן. אַלע קוקן אויף פּאָזאָן. לאַקי ציטערט)

ווליאַדימיר

ער קען עס לענגער נישט אַריבערטראָגן!

עסטראַגאָן

שרעקלעך!

ווליאַדימיר

ער ווערט משוגע!

עסטראַגאָן

עקלהאַפט!

ווליאַדימיר (צו לאַקין)

ווי קומט איר דערצו? ס'איז אַ שאַנדע! אַזאַ גוטן בעל־הבית אַזוי צו לאָזן ליידן! נאָך אַזויפיל יאָרן! באמת!

פּאָזאָ (כליפּענדיק)

פריער... איז ער געווען גוט צו מיר... ער האָט מיר געהאָלפן... ער האָט צעשטרייט מיין געמיט. ער איז געווען מיין גוטער מלאך... איצט ברענגט ער מיך אום...

עסטראַגאָן (צו וולאַדימיר)

ער וויל אים אויסטווישן?

וולאַדימיר

ווי אַזוי זאָגסטו?

עסטראַגאָן

כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען, ער וויל אים אויסטווישן אָדער ער וויל מער נישט קיינעם?

וולאַדימיר

איך גלויב נישט...

עסטראַגאָן

ווי־אַזוי?

וולאַדימיר

איך ווייס עס נישט.

עסטראַגאָן

פרעג אים.

פּאָזאָ (באַרויִקט)

מיינע הערן, איך ווייס נישט וואָס מיט מיר איז געשען, אַנטשולדיקט און פאַרגעסט!

(ער באַהערשט זיך מער און מער)

איך ווייס רעכט נישט וואָס כ׳האָב אייך דאָ דערציילט, אָבער זייט זיכער אַז אין דעם אַלעמען איז נישט געווען קיין איין אמתדיק וואָרט.

(ער גלייכט זיך אויס און שלאָגט זיך אין דער ברוסט)

זע איך אויס ווי איינער וועמען מען קאָן לאָזן ליידן?
איך? נו, שוין אַזוינס געהערט געוואָרן?

(ער זוכט אין זיינע קעשענעס)

ווו האָב איך מיין ליולקע אַהינגעטאָן?

ווליאַדימיר

סאַראַ חנעוודיקער אָוונט!

עסטראַגאָן

אומפאַרגעסלעך!

ווליאַדימיר

און ס'איז נאָך נישט דער סוף.

עסטראַגאָן

עס זעט אויס אַזוי.

ווליאַדימיר

עס הייבט זיך ערשט אָן.

עסטראַגאָן

ס'איז שרעקלעך.

ווליאַדימיר

פונקט ווי אין אַ טעאַטער.

עסטראַגאָן

אין אַ צירקוס.

ווליאַדימיר

אין אַ וואַריעטע.

ווליאַדימיר

אין אַ צירקוס.

פאָזאָ

ווו האָב איך בלויז מיין ליולקע אַהינגעטאָן?

עסטראַגאָן

ס׳איז עק וועלט! ער האָט זיין סמאַרק־קאָבער פאַרלוירן!

(ער לאַכט הילכיק)

וולאַדימיר

כ׳קום גלייך צוריק! (ער גייט צו די קוליסן דורך הינטנאַרום)

עסטראַגאָן

ביים סוף פונעם גאַנג, לינקס!

וולאַדימיר

האַלט מיר דעם פּלאַץ!

(ער פאַרשווינדט הינטער די קוליסן)

פּאָזאָ

כ׳האָב מיין ליולקע פאַרלוירן.

עסטראַגאָן (קרימט זיך פון לאַכן)

מען קאָן פּלאַצן פון געלעכטער.

פּאָזאָ (הייבט אויף דעם קאָפּ)

איר האָט אפשר באַמערקט ווו...

(ער באַמערקט וולאַדימירס אָפּוועזנהייט און איז אומטרייסטבאַר)

אָ! ער איז אַוועק אָן אַ זיי־געזונט? דאָס איז נישט פיין פון אים. איר האָט דאָך אים געזאָלט צוריקהאַלטן!

עסטראַגאָן

ער האָט אַליין זיך צוריקגעהאַלטן.

פּאָזאָ

אָ! — נאָך גוט.

עסטראַגאָן

קומט אַהער!

פּאָזאָ

נאָך וואָס?

עסטראַגאָן

איר וועט שוין זען.

פּאָזאָ

זאָל איך אויפשטיין ?

עסטראַגאָן

קומט... קומט... גיך ! (פּאָזאָ שטייט אויף און גייט צו צו אים)

זעט !

פּאָזאָ

איי — איי !

עסטראַגאָן

פאַרביי !

(וולאַדימיר קומט צוריק מיט אַ פינצטערן אויסדרוק אויפן פּנים. ער וואַרפט שיר אום לאַקין, ער קערט איבער מיט אַ פוס־שטויס די צולייגשטול און גייט אויפגערעגט אַהין און אַהער)

פּאָזאָ

ער איז אומצופרידן.

עסטראַגאָן

דו האָסט יענע זאַכעלער פאַרפּאַסט. אַ שאָד.

(וולאַדימיר בלייבט שטיין. ער שטעלט ווידער אויף די צולייג־שטול און גייט אַהין־אַהער, שוין רויִקער)

פּאָזאָ

ער ווערט רויִקער. (ער קוקט זיך אום)

אַלץ אַרום ווערט רויִקער. איך פּיל עס. אַ זיסער פרידן נידערט אַראָפּ, אויף אַלץ. האָרכט !

(ער הייבט אויף זיין האַנט)

פּאַן * שלאָפט...

* פּאַן — גאָט פון לאַנקעס, שאָף און רינדער. גריכישע מיטאָלאָגיע.

וולאַדימיר

ווערט נאָך אַלץ נישט נאַכט?

(אַלע דריי קוקן אַרויף צום הימל)

פּאָזאָ

איר ווילט נישט פריִער אַוועקגיין?

עסטראַגאָן

דאָס הייסט... איר פאַרשטייט...

פּאָזאָ

נו, ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, יאָ, גאַנץ פאַרשטענדלעך. איך אויף אייער אָרט, ווען איך וואָלט געהאַט זיך אָפּגערעדט מיט דעם גאָנאָ... גאָדאָ... גאָבאָ... גוט, איר ווייסט שוין ווען איך מיין, וואָלט אויך אָפּגעוואַרט די נאַכט איידער איך וואָלט אויפגעגעבן דאָס וואַרטן אויף אים.

(ער קוקט צו זיין צולייגשטול)

איך וואָלט זיך גערן ווידער אַנידערגעזעצט אָבער כ'ווייס נישט ווי אַזוי איך זאָל דאָס מאַכן...

עסטראַגאָן

איך קאָן אייך אין דעם נישט העלפן?

פּאָזאָ

ס'קאָן געמאָלט זיין. אפשר וואָלט איר מיך געבעטן?

עסטראַגאָן

וועגן וואָס?

פּאָזאָ

אַז איך זאָל זיך ווידער אַנידערזעצן.

עסטראַגאָן

דערמיט וואָלט איר געהאָלפן געוואָרן?

פּאָזאָ

איך מיין אַזוי.

עסטראַגאָן

אַלזאָ, ביטע! זעצט זיך אויפסניי!

פּאָזאָ

ניין, ניין, עס לוינט זיך נישט מער. (פּויזע. צו עסטראַגאָן)

גייט ווייטער אָן מיט אייער בקשה!

עסטראַגאָן

אָבער איך בעט אייך זייער. טוט עס מיר צוליב. בלייב: נישט אַזוי שטיין, איר קאָנט זיך לייכט פאַרקילן.

פּאָזאָ

ס׳קאָן טאַקע געמאָלט זיין...

עסטראַגאָן

יאָ, יאָ. ס׳איז אַזוי — אַוודאי!

פּאָזאָ

איר האָט, ווייזט אויס, רעכט. (ער זעצט זיך ווידער)

אַ שיינעם דאַנק אייך, מיין ליבער. אָט זיץ איך מיר שוין ווידער.

(ער קוקט אויפן זייגער)

שוין באַלד צייט אייך צו פאַרלאָזן, אויב איך וויל נישט פאַרשפּעטיקן.

וולאַדימיר

די צייט איז שטיין געבליבן.

פּאָזאָ (פירט באַאומרויִקט דעם זייגער צום אויער)

גלויבט נישט אַזאַ זאַך, מיין הער. גלויבט עס נישט!

(ער באַהאַלט דעם זייגער אין קעשענע)

אַלץ וואָס איר ווילט — נאָר דאָס נישט!

עסטראַגאָן (צו פּאָזאָן)

ער זעט היינט אַלץ שוואַרץ.

פּאָזאָ

נאָר נישט דעם הימל. (פּאָזאָ לאַכט איבער זיין פּאַסיקן וויץ)
נאָר געדולד! עס וועט שוין ווערן, אַן דעם דערקענט מען
אַז איר זענט נישט פון הי. איר ווייסט נאָך נישט ווי אַזוי
דער זון־פאַרגאַנג זעט אויס דאָ ביי אונדז. דערלויבט מיר,
איך וועל אים אייך באַשרייבן...

(שווייגן. עסטראַגאָן איז ווידער באַשעפטיקט מיטן אונטערזוכן זיין שוך און וולאַדימיר — זיין הוט. לאַקיס הוט איז אַראָפּגעפאַלן און ער האָט עס נישט באַמערקט)

אַלזאָ, איך וויל אייך גערן אַנטקעגנקומען.

(ער שפּילט זיך מיט דעם באַלעכל מיט וועלכן ער שפּריצט זיך איין דעם האַלדז)

אָבער כ'מוז אייך בעטן אַ ביסל מער אויפמערקזאַמקייט.

(עסטראַגאָן און וולאַדימיר לאָזן זיך נישט אָפּלענקען פון זייער טוען. לאַקי איז האַלב איינגעשלאָפן. פּאָזאָ פּאַכעט מיט דער בייטש אָבער מען הערט זי זייער שוואַך)

פּאָזאָ

וואָס איז מיט דער בייטש געשען?

(ער שטייט אויף און קנאַלט מיט איר שטאַרקער. דאָס מאָל מיט דערפאָלג. לאַקי דערשרעקט זיך, עסטראַגאָן לאָזט פאַלן זיין שוך און וולאַדימיר זיין הוט, פּאָזאָ וואַרפט אַוועק די בייטש)

זי טויג שוין אויך נישט! (ער קוקט אַן זיינע צוהערערס)
וועגן וואָס האָבן מיר גערעדט?

וולאַדימיר (צו עסטראַגאָן)

קום, מיר גייען!

עסטראַגאָן (צו פּאָזאָן)

בלייבט נישט אַזוי שטיין. איר קאָנט מסוכן שלאָף ווערן!

פּאָזאָ

דאָס האָט איר ריכטיק באַמערקט.

(ער זעצט זיך ווידער. צו עסטראַגאָן)

ווי הייסט איר, מיין ליבער?

עסטראַגאָן

(ווי פון אַ ביקס אויסגעשאָסן)

קאַטול!*

פּאָזאָ (האָט זיך נישט צוגעהערט צו זיין ענטפער)

אָ, יאָ — די נאַכט...

(ער הייבט אויף די אויגן צו זיי)

איר מוזט זיך צוהערן. אַנדערש קומען מיר נישט צו קיין אויספיר.

(ער קוקט אַרויף צום הימל)

איר זעט?

(אַלע קוקן אַרויף אַחוץ לאַקי. ער דומעט שטייענדיק. פּאָזאָ באַמערקט עס און ציט דעם שטריק)

פּאָזאָ

וועסט אַרויפקוקן צום הימל, צי ניין. דו חזיר, דו!

(לאַקי קוקט אַרויף)

גוט, ס'איז גענוג. (זיי לאָזן אַלע אַראָפּ די קעפּ)

וואָס איז אַזוינס דער מער מיט דעם הימל? גאָרנישט. ער איז פּאַרבלאַז און גלאַנציק ווי אַלע הימלען אין דער צייט

פון טאָג (פּויזע)

אין די געגנטן, (פּויזע)

ביי אַזאַ שיין וועטער. (מיט אַ זינגענדיקע שטים)

זינט אַ שעה צייט (ער קוקט אויפן זייגער)

---

* קאַטול — אַ רוימישער ליריקער, 84—54 פאַר קריסטוסן.

מער אָדער ווייניקער, נאָך דעם ווי ער האָט אונדז איבער־
פלייצט (ער צעגערט, איצט רעדט ער שטילער)
אומדערמידלעך, מיט כוואַליעס פון ווייסן און רויטן ליכט,
האָט ער אָנגעפאַנגען זיין גלאַנץ צו פארלירן, בלייכער צו
ווערן, (ער לאָזט ביסלעכווייז זיינע אָרעמס אַראָפּ)
בלייכער צו ווערן, אַלץ בלייכער און נאָך בלייכער ביז...
(דראַמאַטישע פויזע. דאַן מיט האָריזאָנטאַל־אויסגעשטרעקטע הענט)
סטאָפּ! אויס! ער גייט נישט ווייטער (שווייגן)
אָבער... (ער הייבט אויף אַ וואָרנדיקע האַנט)
הינטער דעם שלייער פון אַזאַ זיסן פרידן
(ער הייבט אויף די אויגן צום הימל, די אַנדערע אויך, אויסער לאַקי)
גאַלאָפּירט די נאַכט (וויברירנדיק)
און איבערפאַלט אונדז (ער שנאַלט מיט די פינגער)
גאַנץ פלוצלינג (אַן אינספּיראַציע)
גראַד אין דעם אויגנבליק ווען מיר האָבן זי צום ווייניקסטן
דערוואַרט. (שווייגן. מיט אַ פינצטערער מינע)
אַזוי גייט עס זיך צו אויף אונדזער הינטישער וועלט!

(לאַנגע פויזע)

עסטראַגאָן

נו, אַזוי באַלד ווי מען ווייסט דאָס אַלץ —

וולאַדימיר

קאָן מען עס לייכטער אַריבערטראָגן.

עסטראַגאָן

האָט מען אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן.

וולאַדימיר

איז נישט מער פאַראַן קיין סיבה צו זיין אומרויִק.

עסטראַגאָן

מען דאַרף נאָך וואַרטן.

וולאַדימיר

מען געוווינט זיך צו דערצו.

(ער נעמט אַראָפּ זיין הוט, בייטלט אים אויס און טוט אים ווידער אָן)

פּאָזאָ

ווי אַזוי בין איך עס עפּעס געווען?

(עסטראַגאָן און וולאַדימיר קוקן אים אָן און ווייסן נישט וואָס ער מיינט)

גוט? מיטלמעסיק? צום אויסהאַלטן? נישט באַזונדער אָדער פּראָסט פּשוט גערעדט: שלעכט?

וולאַדימיר

(באַגרייפט דער ערשטער)

אָ, זייער גוט, פיין!

עסטראַגאָן (מיטן ענגליש־אַקצענט)

אָ, זייער גוט! זייער, זייער גוט!

פּאָזאָ (מיט עלעגאַנץ)

אַ דאַנק, מיינע הערן.

(פּויזע)

איך נייטיק זיך שטאַרק אין אַזאַ דערמוטיקונג.

(ער קלערט נאָך)

צו סוף האָב איך דעם שוווּנג עטוואָס אָנגעווווירן. איר האָט עס נישט באַמערקט?

וולאַדימיר

אָ, אפשר, גאַנץ לייכט.

עסטראַגאָן

איך האָב געמיינט אַז ס׳דאַרף אַזוי זיין.

פּאָזאָ

ס'איז, לײדער, מײן שוואַכער זכרון.

(שווײַגן)

עסטראַגאָן

דאָ געשעט קײן מאָל גאָרנישט.

פּאָזאָ (מיט װאַרעמקײט אין טאָן)

עס לאַנגווײליקט אײַך?

עסטראַגאָן

װאָלט מען עס אײַך געקאָנט זאָגן.

פּאָזאָ (צו װלאַדימיר)

און איר, מײן הער?

װלאַדימיר

קײן גאָר גרױס פאַרגעניגן איז עס נישט.

(שווײַגן)

פּאָזאָ (פּירט אָן אינערלעכן קאַמף)

מײנע הערן, איר זענט געװען (ער זוכט אַ פּאַסיק װאָרט) אָנשטענדיק צו מיר.

עסטראַגאָן

װײס איך װאָס!

װלאַדימיר

װאָס פאַלט אײַך אײַן?

פּאָזאָ

געװיס! איר זענט געװען אױפריכטיק צו מיר — אױף אַזױ װײט, אַז איך פרעג זיך: װאָס קאָן איך, פון מײן זײַט, טאָן פאַר אָט די גוטע מענטשן, אַז עס זאָל זײ נישט לאַנגווײלן?

עסטראַגאָן

אַ פּאָר מאַרק װאָלטן אונדז אױך גאַנץ גוט צונוץ געקומען.

וולאַדימיר

מיר זענען נישט קיין בעטלערס.

פּאָזאָ

וואָס קאָן איך נאָך טאָן, דאָס פרעג איך זיך, בכדי זיי גיכער די צייט צו פאַרטרייבן? איך האָב זיי ביינער געגעבן, איך האָב זיי דערציילט וועגן דעם און וועגן יענעם, איך האָב זיי דעם זון־פאַרגאַנג באַשריבן — דאָס אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן, אָבער — איז עס גענוג? די פראַגע מאַטערט מיך: איז עס גענוג?!

עסטראַגאָן

אַ פּאָר גראָשנס וואָלטן אויך גענוג געווען.

וולאַדימיר

שווייג שוין שטיל!

עסטראַגאָן

איך בין אויפן שענסטן וועג דערצו.

פּאָזאָ

איז עס גענוג? אָן אַ שום ספק, אָבער — איך בין גרויסמו־טיק, ס'איז שוין אַזוי מיין איצטיקער שטייגער, ליידער, צו מיין אייגענעם שאָדן,

(ער ציט דעם שטריק. לאַקי קוקט אים אָן)

ווייל איך ווייס אַז איך וועל ליידן, יאָ — ליידן! דאָס איז זיכער!

(אָן אויפצושטיין בייגט ער זיך איין און הייבט אויף די בייטש)

וואָס וואָלט אייך בעסער געפעלן: ער זאָל טאַנצן? זינגען? דעקלאַמירן, אָדער טראַכטן?

עסטראַגאָן

ווער?

פּאָזאָ

וואָס הייסט ווער? איר וועט אפשר טראַכטן?!

וולאַדימיר

ער קאָן טראַכטן?

פּאָזאָ

אַזוי איז עס. און אויפן קול! פריִער פלעגט ער זייער שיין טראַכטן, כ'האָב אים געקאָנט שעהען־לאַנג הערן, איצט...

(ער שוידערט אויף)

נו, יאָ, קאָן מען אויך גאָרנישט טאָן — ובכן, זאָל ער אונדז עפּעס, אויפן קול, טראַכטן?

עסטראַגאָן

מיר וואָלט בעסער געפעלן אים צו זען טאַנצן. ס'וואָלט געוואָרן אַ ביסל פריילעכער.

פּאָזאָ

איך בין דערמיט נישט אַזוי זיכער.

עסטראַגאָן

נישט ריכטיק, דידי, דאָס וואָלט געווען לוסטיקער?

וולאַדימיר

איך וואָלט אים גערן געהערט טראַכטן.

עסטראַגאָן

אפשר קאָן ער קודם טאַנצן און דערנאָך טראַכטן — אויב ס'איז נישט צופיל פאַרלאַנגט פון אים?

פּאָזאָ

ס'איז די לייכסטע זאַך. אַזוי גייט טאַקע דער נאַטירלעכער סדר. (ער צעלאַכט זיך)

וולאַדימיר

אויב אַזוי הייס אים טאַנצן. (שווייגן)

פּאָזאָ (צו לאַקין)

דו הערסט וואָס מען רעדט צו דיר ?

עסטראַגאָן

ער זאָגט זיך קיין מאָל נישט אָפּ ?

פּאָזאָ

באַלד וועל איך אייך דאָס דערקלערן.

(צו לאַקין)

קום אַהער ! טאַנץ, דו חזיר־פּיסל !

(לאַקי שטעלט אַנידער דאָס געפּעק, קומט אַ ביסל נעענטער און ווענדט זיך צו פּאָזאָן. עסטראַגאָן שטייט אויף בכדי בעסער צו זען. לאַקי טאַנצט אַ ווײַלע און הערט אויף)

עסטראַגאָן

דאָס איז אַלץ ? !

פּאָזאָ

ווײַטער !

(לאַקי חזרט איבער די זעלבע באַוועגונגען און הערט ווידער אויף)

עסטראַגאָן

נו, אויב אַזוי, יונגער־מאַן (ער מאַכט נאָך לאַקיס באַוועגונגען)

דאָס קאָן איך אויך באַווײַזן ! (ער פֿאַלט שיִר אום)

מיט אַ פּאָר פּראָבעס פֿריִער, פֿאַרשטייט זיך.

וולאַדימיר

ער איז מיד.

פּאָזאָ

פֿריִער פֿלעגט ער טאַנצן: די פֿאַראַנדעלאַ, די אַלמע, דעם בראַנלע, די דזשיג, דעם פֿאַנדאַנגאָ און אַפֿילו דעם האָרנ־פּייפּ. ער איז דערבײַ געשפּרונגען. איצט קאָן ער נאָר דאָס וואָס איר זעט. איר ווייסט ווי אַזוי ער רופֿט עס אָן ?

עסטראַגאָן

„דער טויט פונעם קבצן”.

וולאַדימיר

„די קאָנסער־געשוויר פון די זקנים”.

פּאָזאָ

„דער נעץ־טאַנץ”. ער רעדט זיך איין אַז ער איז געפאַנגען אין אַ נעץ.

וולאַדימיר (מאַכט אַ פּאָר געקינצלטע, עסטעטישע באַוועגונגען)

עס איז עפּעס דערביי...

(לאַקי וויל צוריקגיין צו זיין געפּעק)

פּאָזאָ (רופט ווי צו אַ פערד)

פררר...

(לאַקי בלייבט שטיין)

עסטראַגאָן

ער זאָגט זיך קיין מאָל נישט אָפּ?

פּאָזאָ

איך וועל עס אייך שפּעטער דערקלערן.

(ער זוכט אין זיינע קעשענעס)

אַ רגעלע! ווּ האָב איך מיין באַלעכל אַהינגעטאָן?

(ער זוכט)

נאַדיר גאָר אַזוינס.

(זיין פּנים נעמט אָן אַ פאַרוווּנדערטן אויסדרוק. דאָן מיט אַ הויך קול)

איך האָב מיין איינשפּריצער פאַרלוירן!

עסטראַגאָן (מיט דער זעלבער שטימע)

מיין לינקע לונג איז זייער שוואַך.

(ער הוסט, דאָן מיט אַ דונער־שטימע)

דאַקעגן מיין רעכטע, איז אייזן־געזונט.

פּאָזאָ (מיט אַ נאָרמאַלער שטים)

נו, זאָל שוין זיין אַזוי. איך קאָן זיך אָן אים באַגיין. וואָס

האָב איך געהאַט געזאָגט? (ער טראַכט נאָך)

אַ רגעלע! (ער הייבט אויף אַ האַנט)

אַזוינס גאָר! (ער קוקט זיי אָן)

העלפט מיר אַרויס!

עסטראַגאָן

איך פּראָביר זיך צו דערמאָנען.

וולאַדימיר

נו, אפשר ברענגט איר עס נישט אַרויס?

פּאָזאָ

שרעקט זיך נישט. מיר וועלן קומען דערצו. איך וועל עס מאַכן בקיצור ווייל עס ווערט שוין שפּעט — און אַזוי ווי איך וויל זיך קורץ פאַסן און גלייכצייטיק זיין קלאָר, בעט איך אייך: לאָזט מיך אַ ווײַלע נאָכטראַכטן...

עסטראַגאָן

אפשר הייבט איר שוין אָן, וועט עס גיין גיכער אַפילו אַז עס וועט דויערן לענגער?

פּאָזאָ (נאָכדעם ווי ער האָט נאָכגעטראַכט)

יאָ, ס׳וועט גיין. מאָלט זיך אויס פון צוויי — איינס...

עסטראַגאָן

דאָס ריינסטע משוגעת...

פּאָזאָ

אָדער איך פאַרלאַנג פון אים אַז ער זאָל טאַנצן, אָדער זינגען, אָדער טראַכטן...

וולאַדימיר

נו, גייט ווייטער, מיר האָבן פאַרשטאַנען.

פּאָזאָ

אָדער איך פאַרלאַנג פון אים גאָרנישט — ביטע, פּאַלט מיר
נאָר נישט אַריין אין די רייד! — גוט, מיר ווען אָננעמען
אַז איך הייס אים טאַנצן — איז וואָס געשעט?

עסטראַגאָן

ער הייבט אָן צו פייפן.

פּאָזאָ (באַליידיקט)

איך וועל מער גאָרנישט זאָגן.

וולאַדימיר

איך בעט אייך זייער, פירט ווייטער אויס!

פּאָזאָ

אַז איר שלאָגט מיר שטענדיק איבער די רייד!

וולאַדימיר

דערציילט ווייטער! ס'איז גרייליך אינטערעסאַנט.

פּאָזאָ

אויב איר וועט מיך בעטן —

עסטראַגאָן (לייגט צונויף די הענט)

איך באַשווער אייך, דערציילט ווייטער!

פּאָזאָ

וווּ בין איך עס שטיין געבליבן?

וולאַדימיר

איר הייסט אים טאַנצן —

עסטראַגאָן

זינגען.

פּאָזאָ

ס'שטימט. איך הייס אים זינגען, און וואָס געשעט? — ענט־
וועדער ער זינגט — ווי איך האָב אים געבעטן, אָדער אָנ-

שטאָט צו זינגען הייבט ער אָן צו טאַנצן, צו טראַכטן אָדער...

וולאַדימיר

דאָס פאַרשטייט זיך. נו, מאַכט עס בקיצור.

עסטראַגאָן

איך האָב שוין גענוג פון דער געשיכטע.

וולאַדימיר

אָבער היינט האָט ער דאָך אַלץ געטאָן ווי איר האָט אים געהייסן.

פּאָזאָ

ער וויל מיך ווייך מאַכן, אַז איך זאָל זיך מיט אים האַלטן.

עסטראַגאָן

דאָס זענען אַלץ באָבע־מעשיות.

וולאַדימיר

פאַרוואָס עפּעס?

עסטראַגאָן

באַלד וועט ער אונדז דערציילן, אַז ס׳איז נישט געווען איין אמתדיק וואָרט אין דעם אַלעמען.

וולאַדימיר (צו פּאָזאָן)

איר פּראָטעסטירט נישט דערוועגן?

פּאָזאָ

איך בין מיד.

(שווייגן)

עסטראַגאָן

עס געשעט גאָרנישט. קיינער קומט נישט. קיינער גייט נישט. ס׳איז שרעקלעך.

וולאַדימיר (צו פּאָזאָן)

הייסט אים קלערן.

פּאָזאָ

גיט אים דעם הוט.

וולאַדימיר

זיין הוט ?

פּאָזאָ

אָן דעם הוט קען ער נישט קלערן.

וולאַדימיר (צו עסטראַגאָן)

גיב אים דעם הוט.

עסטראַגאָן

איך ? נאָך דעם ווי ער האָט מיר שיר דעם פּוס צעבראָכן ?

קיין מאָל נישט !

וולאַדימיר

איך וועל אים דעם הוט געבן. (ער רירט זיך נישט)

עסטראַגאָן

זאָל ער זיך אים אַליין נעמען.

פּאָזאָ

ס׳איז בעסער אַז מען דערלאַנגט אים דעם הוט.

וולאַדימיר

איך וועל אים דעם הוט דערלאַנגען.

(ער הייבט אויף דעם הוט און דערלאַנגט אים לאַקין מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם. לאַקי רירט זיך נישט)

פּאָזאָ

איר מוזט אים דעם הוט אַרויפזעצן.

עסטראַגאָן (צו פּאָזאָן)

זאָגט אים אַז ער זאָל זיך אים אַליין אַרויפזעצן.

פּאָזאָ

ס׳איז בעסער אַז אַן אַנדערער זעצט אים אַרויף דעם הוט.

ווֹלאַדימיר

איך וועל אים דעם הוט אַרויפזועצן.

(ער דרייט זיך פּאַרזיכטיק אַרום לאַקין, דערנענטערט זיך צו אים פון הינטן, זעצט אים אַרויף דעם הוט און שפּרינגט צוריק. לאַקי רירט זיך נישט. שווייגן)

עסטראַגאָן

אויף וואָס וואַרט ער?

פּאָזאָ

דערווייטער זיך אַ ביסל פון אים.

(עסטראַגאָן און וולאַדימיר דערווייטערן זיך פון לאַקין. פּאָזאָ ציט דעם שטריק, לאַקי קוקט אים אָן)

טראַכטן זאָלסטו, דו חזיר דו! (פּויזע. לאַקי הייבט אָן טאַנצן)

הער אויף! (לאַקי הערט אויף)

קום צו נענטער! (לאַקי קומט צו נענטער צו פּאָזאָן)

דאָ! (לאַקי בלייבט שטיין)

קלער! (פּויזע)

לאַקי

אָבער פון דעסטוועגן לויט דעם וואָס ס׳איז...

פּאָזאָ

הער אויף! (לאַקי שווייגט)

צוריק! (לאַקי גייט אויף צוריק)

דאָ! (לאַקי בלייבט שטיין)

היי! (לאַקי דרייט זיך אום צום פּובליקום)

טראַכט!

לאַקי (איינטאָניקער מאָנאָלאָג)

אויפן סמך פון דער זיך לויט די לעצטע אַרבעטן פון פּאָינ־סאָן און וואַטמאַן ערגעבנדיקער עקסיסטענץ פון אַ פּער־זענלעכן גאָט קוואַקוואַקוואַ מיט אַ ווייסער באָרד קוואַקוואַ

אויסער צייט און רוים וועלכער פון דער הויכקייט פון זיין געטלעכער אַפּאַטיע זיין געטלעכער אַטאַמביע זיין געטלע־כער אַפּאַזיע אונדז גערן האָט — ביז אויף איניקע אויס־נאַמען — מען ווייסט נישט פאַר וואָס, אָבער דאָס קומט נאָך און אַזוי ווי די געטלעכע מיראַנדאַ ליידט מיט די וועל־כע מען ווייסט נישט פאַר וואָס, אָבער מען האָט נאָך צייט אין די פּאַלטערקאַמערן זענען אין דעם פייער וועמענס פייער וועמענס פלאַמען אַפילו עס וועט נאָך עפּעס געדויערן און ווער קאָן דעריבער צווייפלען ענדלעך אַלץ אין דער לופט אויפרייסן נעמלעך דעם גיהנום ביז צום הימל ברענ־גען וועלכער איז אַזוי בלוי טייל מאָל נאָך היינט אַזוי רוִיק פון אַ רוִיקייט וועלכע ווען אויך נאָר צייטווייליק אָבער פאָרט גערן געזען איז אָבער זאָלן מיר נישט פאַרויסגרייפן און זיך באַקלערטע אין באַטראַכט נעמען אַז אַנשליסנדיק אָן די נאָך נישט פאַרטיקע פאָרשונגען אָבער זאָלן מיר נישט פאַרויסגרייפן פאַר די נאָך נישט פאַרענדיקטע פאָר־שונגען, אָבער טראַצדעם פרעמירטע פון דער אַנטראָפּאָ־פּאָמעטרישער אַקאַקאַדעמיע אין בורג אויפן באַרג דורך טעסטו און קאָנאַרד.

(אָן אינטענסיווע אויפמערקזאַמקייט פון עסטראַגאָן און וולאַ־דימיר. פּאָזאָ איז נידערגעשלאָגן און אָנגעעקלט)

פעסטגעשטעלט געוואָרן ביי דער אויסשאַלטונג פון אַלע פעלער־קוועלן ביז אויף די פון מענטשלעכער אויסרעכע־נונג נישט פאַרמיידנדיקע טעותים וועלכע אַנשליסנדיק אָן די נאָך נישט דערגאַנגענע פאָרשונגען פון טעסטו און קאָ־נאַרד פעסטגעשטעלט געשטעלט געשטעלט געוואָרן וואָס עס קומט אַרויס וואָס נעמלעך עס קומט אַרויס אָבער זאָלן

מיר נישט פאַראויסגרייפן מע ווייסט נישט פאַר וואָס
אָנשליסנדיק אָן די אַרבעטן פון פאָינסאָן און וואַטמאַן
עס געגנוי אַזוי קלאָר זיך אַרויסשטעלן אין אַבטנעמונג
אויף די באַמיונגען פאַרטאָווס און בעלבערס נאָך נישט
דערגאַנגענע מע ווייסט נישט פאַרוואָס פון טעסטו און
קאָנאַרד נאָך נישט דערגאַנגען נאָך נישט דערגאַנגען
ווערט דייטלעך אַז דער מענטש אינעם קעגנזאַץ צו דער
אַנטקעגנגעזעצטער מיינונג

(עסטראַגאָן און וולאַדימיר הייבן אָן זיך אונטערצוואָרטשען,
מען זעט דאָס געשטייגערטע ליידן פון פאָזאָ)

אַז דער מענטש לויט טעסטו און קאָנאַרד אַז דער מענטש
ענדלעך נישט געקוקט אויף דער פאַרשריטלעכער דערנע־
רונג און דער אָפּשאַפונג פון דער אויסשיידונג איז אין
באַגריף מאָגער צו ווערן און גלייכצייטיק פאַראַלעל מע
ווייסט נישט פאַר וואָס און טראָץ דער אויפבליִונג פון דער
קערפּער־קולטור דאָס פּראַקטיצירן פון די ספּאָרט־סאָרטן
אַזוי ווי טעניס פוטבאָל לויפן צו פוס מיט דעם רעדל
שווימען רייטן פליען זיגן טעניס קעגל קונסטלויפן אויפן
אייז אויפן אַספאַלט טעניס פליען ספּאָרט ספּאָרט ווינטער־
ספּאָרט זומערספּאָרט האַרבסטספּאָרט טעניס אויף די לאַנ־
קעס אויף ברעטער אויף פעסטן באָדן פלי־טעניס האָקעי
אויפן לאַנד אויפן וואַסער אין דער לופט פּעניסעלין און
סוראָגאַטן קורץ איך חזר איבער צוגלייך פאַראַלעל קלענער
צו ווערן מען ווייסט נישט פאַר וואָס און טראָץ טעניס איך
חזר איבער פליִען גאָלף מיט 9 און מיט 18 לעכער טעניס
אויפן אייז קורץ מען ווייסט נישט פאַר וואָס ביים ריין ריין
און רור ריין און מאַין מאַין און רור צוגלייך פאַראַלעל

פאַרלויפנדיק מען ווייסט נישט פאַר וואָס אַפּצומאַגערן איינצושרומפּן איך חזר איבער רור מאין קורץ מיט אַ גלאַ־טיקן פאַרלוסט פראַ נאָז פון זייט וואָלטערס טויט פון צוויי פינגער געוויכט הונדערט גראַם גראָב געזעכנט דורכשניט־לער אומגעפּער רונדע צאָלן גוט געוויכט לעבעדיק געוויכט אַן שיך אין אַלדענבורג ביים ליכט פון די לויפנדיקע אונ־טערזוכונגען פון שטיינוועג און פעטערמאַן אַרויסקומט וואָס איז נאָך ערגער וואָס דערויס אַרויסקומט ביים ליכט פון שוין אויפגעגעבענע פּרוּוון פון שטיינוועג און פעטער־מאַן אַז אויפן לאַנד און די בערג ביים ברעג פונעם ים די כוואַליעס פונעם וואַסער און פונעם פייער די לופט די זעלבע איז און די ערד נעמלעך די לופט און די ערד ביי דער גרויסער קעלט די לופט און די ערד גוט פאַר די שטיינער ביי דער גרויסער קעלט ליידער אינעם זיבעטן סעקולום פון איר עראַ דער עטער די ערד דעריבער גוט פאַר די שטיינער און די גרויסע טיפענישן ביי דער גרוי־סער קעלט אויפן ים אויף דער ערד און אין דער לופט ליידער ליידער איך חזר איבער מע ווייסט נישט פאַר וואָס טראָץ טעניס די זאַכן זענען אַזוי מען ווייסט נישט פאַר וואָס איך חזר איבער צום פאָלגנדיקן פאַר די שטיינער ווער קאָן דערין צווייפלען אָבער זאָלן מיר נישט פאַרויס־גרייפן איך חזר איבער דער קאָפּ גלייכצייטיק פאַראַלעל פאַרויסלויפנדיק מע ווייסט נישט פאַר וואָס טראָץ טעניס צום פאָלגנדיקן די באָרד די פלאַמען די טרערן די שטיי־נער אַזוי בלוי אַזוי רויִק ליידער ליידער דער קאָפּ דער קאָפּ אין אַלדענבורג טראָץ טעניס באַמיִונגען אויפגעגעבן נישט דערענדיקט אָבער די שטיינער איך חזר איבער ליי־

דער לײדער אויפגעגעבענע נישט דערענדיקטע דער קאָפּ
דער קאָפּ אין אַלדענבורג טראָץ טעניס דער קאָפּ לײדער
לײדער די שטײנער קאַנאַרד קאַנאַרד...

(מען שלאָגט זיך. לאַקי שטויסט אַרויס נאָך אײניקע װערטער)

טעניס... שטײנער... אַזוי רויִק! קאַנאַרד! נישט דערענ-
דיקט!...

(אויסרופן פון װלאַדימיר און עסטראַגאָן. פּאָזאָ שפּרינגט אויף און ציט דעם שטריק. אַלע שרײַען. לאַקי ציט צוריק דעם שטריק פאַרפּלאָנטערט זיך אין אים. װײנען און שרײַען. אַלע פאַלן איבער לאַקין, ער שלאָגט אַרום זיך און יאָמערט װײַטער זײַן טעקסט)

פּאָזאָ

זײַן הוט!

(װלאַדימיר רײַסט אַראָפּ לאַקיס הוט. לאַקי שװײַגט און פאַלט אַנידער. אַ טיפע שטילקײט. די זיגערס אָטעמען דערלײַכטערט אָפּ)

עסטראַגאָן

נקמה איז עס!

(װלאַדימיר באַטראַכט לאַקיס הוט. ער קוקט אין אים אַרײַן)

פּאָזאָ

גיב אַהער!

(ער רײַסט אַרויס דעם הוט פון װלאַדימיר, װאַרפט אים אויף דער ערד טאַפּטשעט אויף אים אַרום)

אַזוי! איצט טראַכט ער נישט מער!

װלאַדימיר

װי אַזוי װעט ער צו זיך קומען?

פּאָזאָ

איך װעל אים שױן ברענגען צום שכל! (ער קאַפּעט לאַקין)
שטײ אויף פּגר!

עסטראַגאָן

אפשר איז ער גאָר טויט?

וולאַדימיר

איר וועט אים נאָך אומברענגען.

פּאָזאָ

שטיי אויף, נבלה!

(ער ציט דעם שטריק. לאַקי גליטשט זיך אַ ביסל. צו עסטראַגאָן און וולאַדימיר)

העלפט מיר!

וולאַדימיר

גערן, אָבער ווי אַזוי?

פּאָזאָ

הייבט אים אויף.

(עסטראַגאָן און וולאַדימיר הייבן אויף לאַקין. זיי האַלטן אים אַן אויגנבליק און לאָזן אים אָפּ. ער פאַלט ווידער אַנידער)

עסטראַגאָן

ער טוט עס אויף להכעיס.

פּאָזאָ

מען מוז אים שטיצן.

ריירט אייך, ריירט אייך, הייבט אים אויף.

עסטראַגאָן

איך האָב באַלד גענוג פון דער גאַנצער זאַך...

וולאַדימיר

קום, מיר וועלן נאָך אַ מאָל פּראָבירן.

עסטראַגאָן

ווער, מיינט ער, זענען מיר?

וולאַדימיר

קום שוין, גיב אַהער אַ האַנט

(זיי הייבן אויף לאַקין און האַלטן אים אונטער)

פּאָזאָ

לאָזט אים נישט אָפּ. (עסטראַגאָן און וולאַדימיר וואַקלען זיך)

בלייבט אַזוי שטיין.

(פּאָזאָ ברענגט דאָס רענצל און דעם קויבער און שטעלט זיי נעבן לאַקין)

האַלטס אים פעסט!

(ער גיט דאָס רענצל לאַקין אין האַנט און דער לאָזט אים פאַלן)

לאָזט אים נישט אָפּ!

(ער פּראָבירט אַלץ ווידער און ווידער. צו ביסלעך קומט לאַקי צו זיך און זיינע פינגער קלאַמערן זיך אַרום דעם רענצל)

האַלטס אים! (דאָס אייגענע שפּיל מיטן קויבער)

נו, איצט קאָנט איר אים אָפּלאָזן.

(עסטראַגאָן און וולאַדימיר דערווייטערן זיך פון לאַקין. ער שטרויכלט, וואַקלט זיך, זיינע קני ברעכן זיך, אָבער ער בלייבט שטיין און האַלט דאָס געפּעק. פּאָזאָ גייט עטוואָס צוריק און קנאַקט מיט דער בייטש)

פאָרויס! (לאַקי גייט פאָר)

צוריק! (לאַקי גייט אויף צוריק)

אומדרייען! (לאַקי דרייט זיך אום)

עס קלאַפּט! ער קאָן מאַרשירן.

(פּאָזאָ צו עסטראַגאָן און וולאַדימיר)

אַ שיינעם דאַנק אייך, מיינע הערן און דערלויבט מיר אייך... (ער זוכט אין זיינע קעשענעס)

אייך צו ווינטשן (ער זוכט)

אייך צו ווינטשן... (ער זוכט)

ווו האָב איך מיין זייגער אַהינגעטאָן ? (ער זוכט)

אַזוינס גאָר ! (ער בליקט אויף, גאַנץ דערשראָקן)

אַ זייגער מיט אַ שפּרינג־דעקל און אַ סעקונדן־ווייזער. אַ מתנה פון מיין זיידן — אפשר איז ער אַראָפּגעפאַלן ?

(ער זוכט אויף דער ערד, עסטראַגאָן און וולאַדימיר זוכן אויך, פּאָזאָ דרייט איבער, מיטן פוס, לאַקיס הוט)

נאַדיר גאָר אַזאַ מין זאַך !

וולאַדימיר

אפשר ליגט ער אין וועסטל־קעשענע.

פּאָזאָ

מירן באַלד זען.

(ער בייגט זיך איין אין צווייען, לייגט צו דעם קאָפּ צום בויך און הערט זיך צו)

איך הער גאָרנישט. (ער ווינקט זיי צו זיך צו)

הערט זיך איין !

(עסטראַגאָן און וולאַדימיר דערנענטערן זיך און לייגן אויך צו אַן אויער צו זיין בויך. שטילקייט)

איך גלויב אַז מען וואָלט געדאַרפט הערן דעם טיק־טאַק.

וולאַדימיר

שטיל זאָל זיין ! (אלע הערן זיך איין, איינגעבויגן)

עסטראַגאָן

איך הער עפּעס...

פּאָזאָ

ווו ? !

וולאַדימיר

ס'איז דאָס האַרץ.

פּאָזאָ

צום טייוול דערמיט !

וולאַדימיר

שטיל! (זיי הערן זיך איין)

עסטראַגאָן

אפשר איז ער שטיין געבליבן? (זיי גלייכן זיך אויס)

פּאָזאָ

פון וועמען פון אונדז פילט זיך אַזוי?

עסטראַגאָן

ביי אים פילט זיך פונעם מויל און ביי מיר זענען עס די פיס.

פּאָזאָ

נו, איך פאַרלאָז אייך.

עסטראַגאָן

און אייער זייגער מיטן שפּרינג־דעקל?

פּאָזאָ

איך האָב אים, ווייזט אויס, געלאָזט ליגן אין פּאַלאַץ.

עסטראַגאָן

אַלזאָ, אַדיע!

פּאָזאָ

אַדיע!

עסטראַגאָן

אַדיע! (שווייגן. קיינער רירט זיך נישט)

וולאַדימיר

אַדיע!

פּאָזאָ

אַדיע!

עסטראַגאָן

אַדיע! (שווייגן)

פּאָזאָ

און אַ שיינעם דאַנק!

וולאַדימיר

מיר דאַנקען אייך.

פּאָזאָ

נישטאָ פאַר וואָס צו דאַנקען.

עסטראַגאָן

אָ, יאָ.

פּאָזאָ

ניין, ניין.

וולאַדימיר

אָ, יאָ.

עסטראַגאָן

ניין, ניין. (שווייגן)

פּאָזאָ

איך קאָן פּשוט נישט... (ער צעגערט)

אַוועקגיין פון דאַנען.

עסטראַגאָן

אַזוי געשעט עס אָפט אין לעבן.

(פּאָזאָ דרייט זיך אום, ער לאָזט לאַקין שטיין און גייט צו צו דער רעכטער קוליסע, נאָכלאָזנדיק דעם שטריק דורך זיינע הענט)

וולאַדימיר

איר גייט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

פּאָזאָ

איך מוז נעמען אַ שוווּנג...

(ביים סוף פונעם שטריק אָנגעקומען הינטער די קוליסן. ער בלייבט שטיין, דרייט זיך אויס און רופט)

אַוועק פון וועג!

(עסטראַגאָן און וולאַדימיר שטעלן זיך ביי דער הינטערגרונט־קוליסע און קוקן אויף פּאָזאָ. בייטש־געקנאַל)

פאַרויס! (לאַקי באַוועגט זיך נישט)

עסטראַגאָן

פאַרויס!

וולאַדימיר

פאַרויס! (בייטש־געקנאַל. לאַקי זעצט זיך אין באַוועגונג)

פּאָזאָ

גיכער!

(ער קומט אַרויס פון די קוליסן און גייט אַדורך די בינע. עסטראַגאָן און וולאַדימיר ציִען זייערע היטן און ווינקען מיט די הענט. לאַקי פאַרלאָזט די בינע. פּאָזאָ קנאַלט מיט דער בייטש און מיט דער שטריק)

גיכער! גיכער!

(איידער פּאָזאָ פאַרשווינדט בלייבט ער שטיין און דרייט זיך אום. דער שטריק שפּאַנט זיך. מען הערט דאָס גערויש פון לאַקיס אומפאַלן)

מיין צולייגשטול!

(וולאַדימיר גיט פּאָזאָן די שטול און דער וואַרפט אים צו לאַקין)

אַדיע!

עסטראַגאָן און וולאַדימיר (ווינקענדיק)

אַדיע! אַדיע!

פּאָזאָ

שטיי אויף, דו חזיר דו! (גערויש פון לאַקיס אויפשטיין)

פאַרויס!

(פּאָזאָ פאַרשווינדט. בייטש־געקנאַל)

פאַרויס! אַדיע! גיכעיר! חזיר! היי! אַדיע! (שווייגן)

וולאַדימיר

און אַזוי איז די צייט פאַרגאַנגען.

עסטראַגאָן

זי וואָלט סיי ווי פאַרגאַנגען.

וולאַדימיר

יאָ, אָבער (פויזע)

ס׳וואָלט לענגער געדויערט.

עסטראַגאָן

וואָס זאָלן מיר איצט טאָן?

וולאַדימיר

כ׳ווייס נישט...

עסטראַגאָן

קום, לאָמיר גיין.

וולאַדימיר

מיר קאָנען נישט.

עסטראַגאָן

פאַר וואָס נישט?

וולאַדימיר

ווייל מיר ווארטן אויף גאָדאָ.

עסטראַגאָן

אָ, יאָ. (פויזע)

וולאַדימיר

זיי האָבן זיך שטאַרק פאַרענדערט.

עסטראַגאָן

ווער, זיי?

וולאַדימיר

נו, ביידע.

עסטראַגאָן

אַט אזוי — זאָלן מיר זיך אַ ביסל אַמפּערן.

וולאַדימיר

ווי אַזוי מיינסטו? זיי האָבן זיך פאַרענדערט, צי ניין?

עסטראַגאָן

עס קאָן געמאָלט זיין. (פויזע)
נאָר מיר ענדערן זיך נישט.

וולאַדימיר

עס קאָן געמאָלט זיין, זאָגסטו? עס איז געוויס אַזוי. דו קענסט זיי דאָך אויך פון פריִער.

עסטראַגאָן

ניין, איך קען זיי נישט.

וולאַדימיר

געוויס קענסטו זיי!

עסטראַגאָן

איך קען זיי נישט.

וולאַדימיר

מיר קענען זיי יאָ. דו פאַרגעסט נאָר אַלצדינג (פויזע)
סיידן עס זענען נישט די זעלבע.

עסטראַגאָן

אַ באַווייז האָסטו, אַז זיי האָבן אונדז אויך נישט דערקענט.

וולאַדימיר

דאָס זאָגט גאָרנישט. איך האָב אויך אַזוי געטאָן, ווי איך וואָלט זיי קיין מאָל נישט געקענט. (פויזע)
אונדז דערקענט סיי ווי קיינער נישט.

עסטראַגאָן

הער שוין אויף! מען וואָלט בעסער געדאַרפט... אוי!
(וולאַדימיר רעאַגירט נישט)

אַי!

וולאַדימיר

סיידן, עס זענען נישט די זעלבע.

עסטראַגאָן

דידי! ס'איז דער אַנדערער פּוס!

(ער גייט, הינקענדיק צו דער שטעלע אויף וועלכער ער איז געזעסן ביים אָנפאַנג)

שטים פון הינטער די קוליסן:

מיין הער...

(עסטראַגאָן בלייבט שטיין. ביידע קוקן זיך איבער און אין דער ריכטונג פון וועלכער די שטים איז געקומען)

עסטראַגאָן

ס'הייבט זיך אַלץ אָן פון דאָס ניי.

וולאַדימיר

קום אַהער, מיין קינד.

(אַ יונג דערשראָקן בחורל טרעט אויף. ער בלייבט שטיין)

דאָס ייִנגל

הער אַלבערט?

וולאַדימיר

דאָס בין איך.

עסטראַגאָן

וואָס ווילסטו?

וולאַדימיר

קום נענטער.

(דאָס ייִנגל רירט זיך נישט פונעם אָרט)

עסטראַגאָן (הויך)

דו זאָלסט אַהערקומען, האָט מען דיר געזאָגט!

(דאָס ייִנגל, דערשראָקן, קומט עטוואָס נענטער. ער בלייבט שטיין)

וולאַדימיר

נו, וואָס איז?

דאָס ייִנגל

דער הער גאָדאָ...

(ער שווייגט)

וולאַדימיר

יאָ, נו

(פויזע)

קום נענטער.

(דאָס ייִנגל רירט זיך נישט פונעם אָרט)

עסטראַגאָן

(שטרענג)

זאָלסט צוקומען נענטער — האָט מען דיר געזאָגט!

(דאָס ייִנגל, דערשראָקן, קומט עטוואָס נענטער און בלייבט שטיין)

פאַר וואָס קומסטו אַזוי שפּעט?

וולאַדימיר

דו ברענגסט אַ ידיעה פונעם הער גאָדאָ?

דאָס ייִנגל

יאָ.

וולאַדימיר

נו, לאָמיר הערן!

עסטראַגאָן

פאַר וואָס קומסטו אַזוי שפּעט?

(דאָס ייִנגל קוקט פון איינעם צום צווייטן און ווייסט נישט וועמען צו ענטפערן)

וולאַדימיר (צו עסטראַגאָן)

לאָז אים צו רו.

עסטראַגאָן

(צו וולאַדימיר)

לאָז עס איבער פאַר מיר!

(ער לאָזט זיך צוגיין צום יינגל)

דו ווייסט ווי שפּעט ס'איז?

דאָס יינגל (ציט זיך צוריק)

ס'איז נישט מיין שולד.

עסטראַגאָן

ניין? ס'איז מיין שולד, ווייזט אויס...

דאָס יינגל

כ'האָב זיך געשראָקן.

עסטראַגאָן

פאַר וועמען? פאַר אונדז?

(פּויזע)

ענטפער!

וולאַדימיר

די אַנדערע האָבן אים, ווייזט אויס, איבערגעשראָקן.

עסטראַגאָן

ווי לאַנג ביסטו שוין דאָ?

דאָס יינגל

שוין אַ צייט לאַנג.

וולאַדימיר

האָסט זיך געשראָקן פאַר דער בייטש?

דאָס יינגל

יאָ.

וולאַדימיר

פאַר דעם געשריי?

דאָס יינגל

יאָ.

וולאַדימיר

פאַר דיביידע הערן?

דאָס יינגל

יאָ.

וולאַדימיר

דו קענסט זיי?

דאָס יינגל

ניין.

וולאַדימיר

דו ביסט פון דער געגנט?

דאָס יינגל

יאָ.

עסטראַגאָן

ס'איז אַלץ אַ ליגן!

(ער כאַפּט אָן דאָס יינגל ביים אָרבל און טרייסלט אים)

זאָג אונדז דעם אמת!

דאָס יינגל (ציטערנדיק)

דאָס איז דער אמת.

וולאַדימיר

נו, לאָז אים שוין צורו! וואָס טוט זיך מיט דיר?

(עסטראַגאָן לאָזט אָפּ דאָס יינגל, גייט אַ ביסל אָוועק פון זיי און באַדעקט דאָס פּנים מיט ביידע הענט. וולאַדימיר און דאָס יינגל קוקן אים אָן. עסטראַגאָן לאָזט אַראָפּ די הענט. זיין אויסזען איז פאַרענדערט)

וואָס איז דיר?

עסטראַגאָן

איך בין אומגליקלעך.

וולאַדימיר

אַן אַ געלעבטער? זייט ווען?

עסטראַגאָן

איך ווייס עס נישט מער.

וולאַדימיר

דער זכרון שפּילט אונדז אָפּט אָפּ אַזעלכע שטיקלעך.

(עסטראַגאָן וויל עפּעס זאָגן אָבער ער פאַרציכטעט, הינקט אוועק, זעצט זיך אַנידער און הייבט אָן אויסצוטון זיין שוך. וולאַדימיר צום יינגל)

נו, און?

דאָס יינגל

דער הער גאָדאָ...

וולאַדימיר (שלאָגט אים איבער די רייד)

מיר האָבן זיך שוין אַ מאָל געטראָפן, אַיאָ?

דאָס יינגל

איך ווייס עס נישט אויף זיכער.

וולאַדימיר

דו קענסט מיך נישט?

דאָס יינגל

ניין.

וולאַדימיר

ביסט נעכטן אויך דאָ געווען?

דאָס יינגל

ניין.

וולאַדימיר

דו קומסט היינט צום ערשטן מאָל?

דאָס ייִנגל

יאָ. (שווייגן)

וולאַדימיר

דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי. (פּויזע)

נו, יאָ, און וואָס ווייטער?

דאָס ייִנגל (אין איין אָטעם)

דער הער גאָדאָ האָט מיר געהייסן אייך זאָגן אַז ער קומט נישט היינט אָוונט, אָבער מאָרגן קומט ער זיכער.

(פּויזע)

וולאַדימיר

איז דאָס אַלץ?

דאָס ייִנגל

יאָ.

וולאַדימיר

דו אַרבעטס ביים הערן גאָדאָ?

דאָס ייִנגל

יאָ.

וולאַדימיר

וואָס טוסטו דאָרט?

דאָס ייִנגל

איך היט די ציגן.

וולאַדימיר

איז ער גוט צו דיר?

דאָס ייִנגל

יאָ.

וולאַדימיר

ער שלאָגט דיך נישט?

דאָס ייִנגל

ניין, מיך נישט.

וולאַדימיר

ווּעמען שלאָגט ער יאָ?

דאָס ייִנגל

ער שלאָגט מיין ברודער.

וולאַדימיר

אָ, דו האָסט אַ ברודער?

דאָס ייִנגל

יאָ.

וולאַדימיר

און וואָס טוט ער דאָרטן?

דאָס ייִנגל

ער היט די שאָף.

וולאַדימיר

און פאַר וואָס שלאָגט ער דיך נישט?

דאָס ייִנגל

דאָס ווייס איך נישט.

וולאַדימיר

ער האָט דיך אַוודאי גערן?

דאָס ייִנגל

איך ווייס עס נישט.

וולאַדימיר

ער גיט דיר גענוג צו עסן? (פויזע)

דו באַקומסט גוט צו עסן?

דאָס ייִנגל

נישקשה.

וולאַדימיר

ביסט דאָרט נישט אומגליקלעך? (פויזע)

דו האָסט פאַרשטאַנען?

דאָס יינגל

יאָ.

וולאַדימיר

נו, און?

דאָס יינגל

איך ווייס עס נישט.

וולאַדימיר

דו ווייסט נישט צי דו ביסט אומגליקלעך, צי ניין?

דאָס יינגל

ניין, איך ווייס עס נישט.

וולאַדימיר

פונקט ווי איך (פויזע)

ווו שלאָפסטו?

דאָס יינגל

אויפן בוידעם.

וולאַדימיר

מיט דיין ברודער?

דאָס יינגל

יאָ.

וולאַדימיר

אין היי?

דאָס יינגל

יאָ.

(פויזע)

וולאַדימיר

גוט, דו קאָנסט גיין.

דאָס יינגל

וואָס זאָל איך דעם הער גאָדאָ זאָגן ?

וולאַדימיר

זאָג אים...

(פויזע)

זאָג אים, אַז דו האָסט אונדז געזען. דו זעסט אונדז גוט — אמת ?

דאָס יינגל

יאָ.

(ער גייט אויף צוריק, בלייבט שטיין, דרייט זיך אום און לויפט אוועק. דאָס ליכט ווערט פּלוצלינג שוואַכער און ס׳פֿאַלט צו די נאַכט. די לבנה גייט אויף פֿונעם הינטערגרונט פֿון דער סצענע און שטייגט אַרויף צום הימל. דאָרט בלייבט זי שטיין און אַלץ ווערט איינגעהילט אין אַ זילבערדיק ליכט)

וולאַדימיר

ענדלעך !

(עסטראַגאָן שטייט אויף און גייט צו צו וולאַדימירן. איןביידע הענט האַלט ער די שיך. ער שטעלט זיי אַנידער נאָענט פֿון דער ראַמפּע, גלייכט זיך אויס און באַטראַכט די לבנה)

וואָס טוסטו ?

עסטראַגאָן

דאָס זעלבע וואָס דו. איך קוק אין דער מאַטער שויב דאָרט אויבן...

וולאַדימיר

איך מיין מיט דיינע שיך ?

עסטראַגאָן

איך וועל זיי דאָ אַוועקשטעלן. עס וועט קומען ווער און

װעט זײַן גליקלעך זײ צו געפֿינען — אױב ער טראָגט אַ קלענערן שיך פֿון מיר.

װלאַדימיר

דו קאָנסט אָבער נישט אַרומגײן באָרװעס.

עסטראַגאָן

פֿאַר װאָס נישט? יעזוס איז אױך אַרומגעגאַנגען באָרװעס.

װלאַדימיר

װאָס זאָל דאָס באַטײַטן? דו װילסט זיך מיט אים פֿאַר־גלײַכן?

עסטראַגאָן

פֿון שטענדיק אָן פֿאַרגלײַך איך זיך מיט אים.

װלאַדימיר

אָבער — דאָרט איז געװען װאַרעם! ס׳איז געװען שײן!

עסטראַגאָן

און מע האָט גיכער געקרײציקט.

(שװײַגן)

װלאַדימיר

קום, מיר האָבן דאָ נישט מער װאָס צו טאָן.

עסטראַגאָן

אַנדערשװוּ אױך נישט.

װלאַדימיר

הער אױף, גאָגאָ! נעם עס נישט אַזױ שװער. מאָרגן װעט אַלץ בעסער װערן.

עסטראַגאָן

װי אַזױ?

װלאַדימיר

האָסט נישט געהערט װאָס דאָס יִינגל האָט געזאָגט?

עסטראַגאָן

ניין.

וולאַדימיר

ער האָט געזאָגט אַז מאָרגן וועט גאָדאָ, גאַנץ זיכער, קומען.

(פויזע)

דאָס באַטייט דיר גאָרנישט?

עסטראַגאָן

אויב אַזוי דאַרפן מיר בלויז דאָ וואַרטן.

וולאַדימיר

ביסט משוגע? מיר מוזן ערגעץ אונטערקומען.

(ער נעמט אַן עסטראַגאָנען ביים אָרבל)

קום!

(ער ציט אים מיט זיך. עסטראַגאָן גיט אַ ביסל נאָך און אַ ביסל ווערט ער זיך. זיי בלייבן שטיין)

עסטראַגאָן (קוקט אויפן בוים)

אַ שאָד, וואָס מיר האָבן נישט קיין שטריקלער.

וולאַדימיר

קום, ס׳ווערט שוין קאַלט.

(ער ציט אים מיט זיך. עסטראַגאָן גיט אַ ביסל נאָך און אַ ביסל ווערט ער זיך)

עסטראַגאָן

העלף מיר מאָרגן זיך דערמאָנען אַז איך זאָל מיטברענגען אַ שטריקל.

וולאַדימיר

גוט. איצט קום.

(ער ציט אים מיט זיך. עסטראַגאָן גיט נאָך און ווערט זיך אַ ביסל)

עסטראַגאָן

ווי לאַנג זענען מיר שוין אַזוי צוזאַמען?

וולאַדימיר

איך ווייס עס נישט גענוי. אפשר אַ פופציק יאָר...

עסטראַגאָן

דו דערמאָנסט זיך נאָך דעם טאָג ווען איך בין אין דעם „נעקאַר״ אַריינגעשפרונגען ?

וולאַדימיר

מיר האָבן געאַרבעט ביים איינזאַמלען די טרויבן.

עסטראַגאָן

דו האָסט מיך אַרויסגעשלעפּט.

וולאַדימיר

דאָס אַלץ איז שוין לאַנג טויט און פאַרגעסן געוואָרן.

עסטראַגאָן

מיינע קליידער האָבן זיך געטריקנט אויף דער זון.

וולאַדימיר

קלער נישט מער וועגן דעם.

(עסטראַגאָן גייט נאָך אַ ביסל און בלייבט שטיין)

עסטראַגאָן

וואַרט אַ ביסל.

וולאַדימיר

ס'ווערט מיר קאַלט.

עסטראַגאָן

איך פרעג זיך אָפּט — וואָלט נישט בעסער געוועזן ווען יעדער פון אונדז זאָל האָבן געגאַנגען זיין אייגענעם וועג.

(פויזע)

מיר זענען נישט באַשאַפן צו גיין דעם זעלבן וועג...

וולאַדימיר (נישט ברוגז)

דאָס איז נישט אומבאַדינגט זיכער.

עסטראַגאָן

ניין, גאָרנישט איז אומבאַדינגט זיכער.

וולאַדימיר

מיר קאָנען זיך נאָך צעשיידן, אויב דו מיינסט אַז עס וואָלט געווען בעסער.

עסטראַגאָן

איצט לוינט זיך עס נישט מער.

(שווייגן)

וולאַדימיר

ניין, עס לוינט זיך נישט מער.

עסטראַגאָן

אַלזאָ — גייען מיר ?

וולאַדימיר

מיר גייען...

(זיי רירן זיך נישט פונעם אָרט)

פ אָ ר ה אַ נ ג

(סוף פונעם ערשטן אַקט)

צווייטער אַקט

(צומאַרגנס אין דער אייגענער צייט און אויפֿן זעלבן אָרט. עסטראַגאָנס שיך שטייען נאָך ביי דער ראַמפּע, די קנעכל ביינאַנד און די שפּיצן צערוקט. לינקס ליגט דער הוט דאָ וווּ ער איז געבליבן ליגן. דער בוים איז באַבלעטערט. וולאַדימיר טרעט אויף מיט דרייסטע שריט. ער בלייבט שטיין פֿאַר דעם בוים און באַטראַכט אים אַ ווײַלע. דער־נאָך הייבט ער פּלוצלינג אָן לויפֿן אַהין און אַהער אין אַלע ריכטונגען פֿון דער בינע. ער בלייבט שטיין פֿאַר די שיך, בייגט זיך אַראָפּ און הייבט אויף איינעם. ער באַטראַכט אים, שמעקט צו אים און שטעלט אים פּאַרזיכטיק ווידער אויף זיין פּלאַץ. ער גייט ווידער גיך אַהין און אַהער און בלייבט שטיין פֿאַר דער רעכטער קוליסע. שאָטנט אָפּ די אויגן מיט דער האַנט און קוקט אין דער ווייטנס. ער גייט ווידער אַהין און אַהער, בלייבט שטיין פֿאַר דער לינקער קוליסע און קוקט אין דער ווייטנס. דערנאָך גייט ער ווידער אַהין און אַהער, בלייבט פּלוצלינג שטיין, לייגט צונויף די הענט איבער דער ברוסט, וואַרפֿט צוריק דעם קאָפּ און פֿאַנגט אָן זינגען מיט פֿולער קראַפֿט)

וולאַדימיר

אַ הונט איז...

(ער האָט צו טיף אָנגעפֿאַנגען, ער הוסט און פֿאַנגט ווידער אָן)

אַ הונט איז אין קיך אַריין
און געלקחנט אָן איינגעהאַקטס
האָט דער קוכער דעם שעפּ־לעפל געפּאַקט
און אים לינקס און רעכטס צעהאַקט.
זענען געקומען די אַנדערע הינט
און באַגראָבן זיין געביין.

(ער הערט אויף, טראַכט אַ ווײַלע און הייבט ווידער אָן זינגען)

זענען געקומען די אַנדערע הינט
און באַגראָבן זיין געביין,

און אויף דער מצבה געשריבן,
ווי־אַזוי דאָס אַלץ איז געשען:
אַ הונט איז אין קיך אַריין
און געלקחנט אַן איינגעהאַקטס
האָט דער קוכער דעם שעפּ געפּאַקט
און אים לינקס און רעכטס צעהאַקט
זענען געקומען די אַנדערע הינט
און באַגראָבן זיין געביין

(ער הערט אויף, טראַכט נאָך און הייבט ווידער אָן זינגען)

זענען געקומען די אַנדערע הינט
און באַגראָבן זיין געביין

(ער הערט אויף, דאָן זינגט ער ווייטער, שטילער)

און באַגראָבן זיין געביין...

(ער שווייגט, בלייבט אַן אויגנבליק שטיין אומבאַוועגלעך, דאָן גייט ער ווידער, מיט פיבערהאַפטער שנעלקייט אויף און אָפּ, אַהין און אַהער, איבער דער בינע. ער בלייבט ווידער שטיין פאַרן בוים, גייט אַהין און אַהער און שטעלט זיך אָפּ פאַר די שיך. ער גייט אַהין און אַהער, לויפט צו צו דער לינקער קוליסע און קוקט אין דער ווייטנס, דאָן לויפט ער צו צו דער רעכטער קוליסע. פון דער לינקער קוליסע קומט אַריין עסטראַגאָן, באָר־וועס און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער גייט לאַנגזאַם איבער דער בינע. וולאַדימיר קערט זיך אום און דערזעט אים)

דו, שוין ווידער?

(עסטראַגאָן בלייבט שטיין, ער הייבט נישט אויף דעם קאָפּ. וולאַדימיר גייט צו צו אים)

קום, לאָז זיך אַרומנעמען!

עסטראַגאָן

ריר מיך נישט אָן.

(וולאַדימיר פאַרלירט זיין האַפּערדיקייט און זעט אויס פאַר־יאָמערט. שווייגן)

אויב דו ווילסט קאָן איך אַוועקגיין, גאָגאָ ?

(פויזע. וולאַדימיר קוקט אים אָן געשפּאַנט)

מען האָט דיר געשלאָגן ? גאָגאָ !

(פויזע. עסטראַגאָן שווייגט נאָך אַלץ מיט אָן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ)

ווו האָסטו די נאַכט פאַרברענגט ?

(שווייגן. וולאַדימיר גייט צו צו אים)

עסטראַגאָן

ריר מיך נישט אָן. פרעג גאָרנישט. זאָג גאָרנישט, בלייב נאָר מיט מיר.

וולאַדימיר

כ'האָב דיך שוין אַ מאָל געלאָזט אַליין ?

עסטראַגאָן

דו האָסט מיך געלאָזן אַוועקגיין.

וולאַדימיר

קוק מיך אָן.

(עסטראַגאָן רירט זיך נישט. וולאַדימיר מיט אַ הויך קול)

קוק מיך אָן, זאָג איך דיר !

(עסטראַגאָן בליקט אויף. זיי קוקן זיך לאַנג אָן, גייען זיך פאַר-נאַנדער אויף צוריק און ווידער זיך אַנטקעגן און בייגן די קעפּ אין אַ זייט ווי פאַר אַ קונסטווערק, דאַן גייען זיי, ציטערנדיק, זיך אַנטקעגן און נעמען זיך אַרום, קלאַמערן זיך איינער אַנעם צווייטן און קלאַפּן זיך אין די פּלייצעס — עס לייזט זיך אויף דאָס אַרומנעמען. עסטראַגאָן, אָפּגעלאָזט, פאַלט שיער אום)

עסטראַגאָן

יענער טאָג !

וולאַדימיר

ווער האָט דיך ווידער אַזוי צורעבטעגעמאַכט ? דערצייל שוין !

עסטראַגאָן

נאָך אַ טאָג אַדורכגעשטופּט.

וולאַדימיר

ער איז נאָך נישט דורך.

עסטראַגאָן

פאַר מיר איז ער שוין דערליידיקט, עס קאָן שוין געשען וואָס עס וויל זיך. (שווייגן)

דו האָסט ערשט געזונגען. כ'האָב עס גאַנץ גוט געהערט.

וולאַדימיר

דו האָסט רעכט. איך דערמאָן זיך אויך.

עסטראַגאָן

און דאָס האָט מיר וויי געטאָן. איך האָב געטראַכט: ער איז אַליין, ער מיינט אַז איך בין אויף שטענדיק אַוועק און — ער זינגט.

וולאַדימיר

אַ שטימונג לאָזט זיך נישט קאָמאַנדירן. איך בין שוין אין משך פון טאָג געוועזן אין דער בעסטער שטימונג. (פּויזע)

די נאַכט האָב איך נישט געדאַרפט אַראָפּגיין פון געלעגער אַפילו נישט איין מאָל.

עסטראַגאָן (טרויעריק)

דו זעסט, מיטן „וואַסער לאָזן" גייט עס דיר אויך בעסער ווען איך בין נישט דערביי.

וולאַדימיר

אויסגעפעלט האָסטו מיר, אָבער אַ מאָדנע זאַך — איך בין אויך אַזוי געווען צופרידן.

עסטראַגאָן (אויסער זיך)

צופרידן?

וולאַדימיר (קלערט נאָך)

ס'איז אפשר נישט דאָס פּאַסיקסטע וואָרט.

עסטראַגאָן

און איצט ?

וולאַדימיר (ווי ער וואָלט פרעגן ביי זיך)

איצט ?

(אויפגעהייטערט) ביסטו ווידער דאָ ?

(גלייכגילטיק) איצט זענען מיר ווידער דאָ,

(טרויעריק) איצט בין איך ווידער דאָ.

עסטראַגאָן

דו ביסט, ווייזט אויס, צופרידענער ווען דו זעסט מיך נישט.

אויך איך פיל זיך בעסער ווען איך בין אַליין.

וולאַדימיר

פאַר וואָס זשע ביסטו צוריקגעקומען ?

עסטראַגאָן

דאָס ווייס איך נישט.

וולאַדימיר

אָבער איך ווייס עס : דו קאָנסט זיך נישט אַליין פּאַרטיי-

דיקן. איך וואָלט נישט צוגעלאָזן אַז מען זאָל דיך שלאָגן.

עסטראַגאָן

דו וואָלסט גאָרנישט געקאָנט טאָן.

וולאַדימיר

פאַר וואָס נישט ?

עסטראַגאָן

ווייל עס זענען געווען צען.

וולאַדימיר

ווייס איך וואָס, איך מיין אַז איך וואָלט נישט צוגעלאָזט אַז דו זאָלסט דאַרפן כאַפּן קלעפּ.

עסטראַגאָן

איך האָב גאָרנישט געטאָן.

וולאַדימיר

פאַר וואָס זשע האָבן זיי דיך געשלאָגן?

עסטראַגאָן

דאָס ווייס איך נישט.

וולאַדימיר

הער, גאָגאָ, עס זענען פאַראַן זאַכן פון וועלכע דו האָסט נישט קיין באַגריף. איך אָבער יאָ. דאָס מוזסטו צוגעבן.

עסטראַגאָן

און איך זאָג דיר, אַז איך האָב גאָרנישט געטאָן.

וולאַדימיר

קאָן זיין. אָבער עס הענגט אויך אָפּ דערפון ווי אַזוי מען פירט זיך אויף ווען די אייגענע פעל איז איינעם טייער, אָבער — מיר רעדן מער נישט וועגן דעם. דו ביסט ווידער דאָ און איך בין גאַנץ צופרידן.

עסטראַגאָן

עס זענען געווען צען.

וולאַדימיר

דו ביסט אויך גאַנץ צופרידן, האַ?

עסטראַגאָן

מיט וואָס צופרידן?

וולאַדימיר

וואָס דו האָסט מיך דאָ געטראָפן.

עסטראַגאָן

אַזוי מיינסטו?

וולאַדימיר

זאָג עס — זאָג עס אַפילו ווען ס'איז נישט אמת.

עסטראַגאָן

וואָס זאָל איך זאָגן?

וולאַדימיר

זאָג: איך בין צופרידן.

עסטראַגאָן

איך בין צופרידן.

וולאַדימיר

איך אויך.

עסטראַגאָן

איך אויך.

וולאַדימיר

מיר זענען צופרידן. (שווייגן)

עסטראַגאָן

וואָס זאָלן מיר איצט טאָן בשעת מיר זענען צופרידן?

וולאַדימיר

מיר וועלן וואַרטן אויף גאָדאָ.

עסטראַגאָן

אָ, יאָ. (שווייגן)

וולאַדימיר

עפּעס איז דאָ פאָרגעקומען אַן ענדערונג, זייט נעכטן.

עסטראַגאָן

און אַז ער וועט נישט קומען?

וולאַדימיר (פאַרשטייט אים קודם נישט, דאַן —)

דאָס וועלן מיר שפּעטער זען. (פּויזע)

כ'האָב דיר געזאָגט אַז פון נעכטן אויף היינט איז דאָ עפּעס

אַ נייעס צוגעקומען.

עסטראַגאָן

יאָ — אַלץ רינט;

וולאַדימיר

קוק דיר אָן דעם בוים.

עסטראַגאָן

מען טרעט נישט צוויי מאָל אַריין אין דער זעלבער בלאָטע.

וולאַדימיר

דער בוים, האָב איך געזאָגט. קוק אים דיר אָן.

(עסטראַגאָן קוקט אויפן בוים)

עסטראַגאָן

ס'איז נישט דער זעלבער פון נעכטן?

וולאַדימיר

אַוודאי איז עס דער זעלבער. דערמאָנסט זיך נישט? ס'האָט

געפעלט אַ האָר אַז מיר זאָלן זיך אויף אים אויפהענגען.

דו האָסט נישט געוואָלט. (ער קלערט נאָך)

געדענקסט?

עסטראַגאָן

דאָס אַלץ האָט זיך דיר געחלומט.

וולאַדימיר

מיינסט עס ערנסט? האָסט שוין ווידער אַלץ פאַרגעסן?

עסטראַגאָן

אַזוי בין איך שוין — אָדער איך פאַרגעס באַלד אָדער איך

געדענק עס אויף תמיד.

וולאַדימיר

און וועגן פּאָזאָ און לאַקין? אָן זיי האָסטו אויך פאַרגעסן?

עסטראַגאָן

פּאָזאָ און לאַקי?

וולאַדימיר

ער האָט אַלצדינג פאַרגעסן!

עסטראַגאָן

איך דערמאָן זיך אָן איינעם אַ „ווילדן". ער האָט מיך שיר־נישט געמאַכט פאַר אַ קאַליקע און דערנאָך האָט ער געשפּילט דעם אידיאָט.

וולאַדימיר

דאָס איז געווען לאַקי!

עסטראַגאָן

אָן דעם דערמאָן איך זיך. ווען איז דאָס אַלץ געשען?

וולאַדימיר

און דער אַנדערער? דער וואָס האָט אים אָנגעטריבן — אָן דעם דערמאָנסטו זיך אויך?

עסטראַגאָן

נישט דער וואָס האָט מיר די ביינער געגעבן?

וולאַדימיר

יאָ, דאָס איז געווען פּאָזאָ.

עסטראַגאָן

און דאָס אַלץ, זאָגסטו, איז געשען נעכטן?

וולאַדימיר

געוויס נעכטן, ווען דען?

עסטראַגאָן

דאָ? אויף דעם אָרט?

וולאַדימיר

אַוודאי, דערקענסט עס נישט?

עסטראַגאָן (מיט כּעס)

דערקענען? וואָס איז דאָ פאַראַן צום דערקענען? מיין גאַנץ לעבן בין איך אין אַ מדבר, אין אַ זאַמד־מדבר אַרומגעקראָכן און דו ווילסט אַז איך זאָל ערטער דערקענען?

(ער קוקט זיך אַרום)

קוק דיר דאָס דאָ אָן! איך בין קיין מאָל פון דער בלאָטע נישט אַרויסגעקראָכן!

וולאַדימיר

רויִק, רויִק!

עסטראַגאָן

לאָז מיך צורו מיט דיינע לאַנדשאַפטן! דערצייל בעסער ווי אַזוי עס זעט אויס דאָרט אונטן.

וולאַדימיר

דו וועסט דאָך נישט וועלן באַהויפּטן אַז דאָ

(ער מאַכט אַן אַרומנעמענדיקע באַוועגונג)

זעט עס אויס ווי אין די טאָלן פון די וויינגאָרטנס. ס׳איז דאָך באמת אַ ריזיקער חילוק!

עסטראַגאָן

טאָלן פון וויינגאָרטנס? ווער רעדט פון טאָלן מיט וויינגאָרטנס?

וולאַדימיר

אָבער דו ביסט דאָך דאָרטן געווען! מיר...

עסטראַגאָן

ניין! איך בין דאָרט קיין מאָל נישט געווען. מיין גאַנצער

לעבנס־חשק איז דאָ אויסגערונען! דאָ, זאָג איך דיר! אין
דעם דרעק־טאָל!

וולאַדימיר

ביידע זענען מיר געווען אין די וויינגאָרטנס. איך לייג דע־
רויף מיין האַנט אין פייער אַריין. מיר האָבן געהאָלפן ביים
איינזאַמלען די טרויבן ביי איינעם — גוטמאַן. יאָ, אויף
גוטמאַנס באַזיץ.

עסטראַגאָן (רויקער)

מעגלעך. ס׳איז מיר נישט אויפגעפאַלן.

וולאַדימיר

דאָרט לייכט דאָך אַלצדינג אַזוי — רויטלער...

עסטראַגאָן (גערייצט)

ס׳איז מיר נישט אויפגעפאַלן, זאָג איך דיר!

(שוויגן. וולאַדימיר זיפצט)

וולאַדימיר

ס׳איז נישט לייכט מיט דיר דורכצוקומען — גאָגאָ.

עסטראַגאָן

בעסער וואָלטן מיר זיך פונאַנדערגיין.

וולאַדימיר

דאָס זאָגסטו שטענדיק און קומסט פאָרט אַלע מאָל צוריק.

(שווייגן)

עסטראַגאָן

אויב אַזוי וואָלט געווען אַמבעסטן מיך אומצוברענגען —
ווי דעם אַנדערן.

וולאַדימיר

וועלכן אַנדערן? (פויזע)
וועלכן אַנדערן?

עסטראַגאָן

ווי די מיליאָנען אַנדערע. (פויזע)

וולאַדימיר (אונטערשטרייכנדיק)

יעדער מיט זיין גורל (ער זיפצט אָפּ)

ביז מען ווערט באַגראָבן און (פויזע) פאַרגעסן.

עסטראַגאָן

אָבער, ביז דאַן וועלן מיר זיך גאַנץ פיין דורכשמועסן, ווייל מיר קאָנען נישט שווייגן.

וולאַדימיר

ביסט גערעכט. מיר זענען אומדערשעפּלעך ביזן סוף.

עסטראַגאָן

אַזוי פאַרשפּאָרט מען צו טראַכטן.

וולאַדימיר

מיר האָבן אַ „פאַרוואָס" דערצו.

עסטראַגאָן

אַזוי פאַרשפּאָרט מען צו הערן...

וולאַדימיר

מיר האָבן אונדזערע סיבות דערצו.

עסטראַגאָן

די אַלע קולות פון די טויטע.

וולאַדימיר

זיי רוישן ווי פליגל.

עסטראַגאָן

ווי בלעטער.

וולאַדימיר

ווי זאַמד.

עסטראַגאָן

ווי בלעטער. (שווייגן)

וולאַדימיר

זיי רעדן אַלע צוזאַמען...

עסטראַגאָן

און יעדער פֿאַר זיך.

(שווייגן)

וולאַדימיר

בעסער געזאָגט, זיי שעפּטשען.

עסטראַגאָן

זיי מורמלען.

וולאַדימיר

זיי רוישן.

עסטראַגאָן

זיי מורמלען. (שווייגן)

וולאַדימיר

וואָס זאָגן זיי?

עסטראַגאָן

זיי רעדן וועגן זייערע געלעבטע לעבנס.

וולאַדימיר

עס גענוגט זיי נישט דאָס לעבן וואָס זיי האָבן געלעבט.

עסטראַגאָן

זיי מוזן וועגן דעם רעדן.

וולאַדימיר

עס איז זיי ווייניק צו זיין טויט.

עסטראַגאָן

ניין, דאָס איז נישט גענוג... (שווייגן)

וולאַדימיר

ס׳איז ווי דאָס רוישן פֿון פֿעדערן.

עסטראַגאָן

פֿון בלעטער.

וולאַדימיר

פֿונעם אַש.

עסטראַגאָן

פֿון בלעטער. **(אַ לאַנגע פּויזע)**

וולאַדימיר

זאָג שוין עפּעס.

עסטראַגאָן

איך קלער נאָך. **(אַ לאַנגע פּויזע)**

וולאַדימיר **(מיט פּחד)**

רעד! וועגן וואָס עס זאָל נישט זיין.

עסטראַגאָן

וואָס זאָלן מיר איצט טאָן?

וולאַדימיר

וואַרטן אויף גאָדאָ.

עסטראַגאָן

אָ, יאָ. **(שווייגן)**

וולאַדימיר

דאָס איז אָבער שווער!

עסטראַגאָן

אפשר זינגסטו עפּעס?

וולאַדימיר

ניין, ניין. **(ער קלערט)**

מיר וואָלטן געקאָנט ווידער אָנפאַנגען פֿונעם אָנהייב.

עסטראַגאָן

גוט, דאָס זעט זיך נישט אויס צו זיין אַזוי שווער.

וולאַדימיר

יעדער אָנפאַנג איז שווער.

עסטראַגאָן

ס׳איז נישט וויכטיק מיט וואָס מיר וועלן ווידער אָנהייבן.

וולאַדימיר

יאָ, אָבער מיר מוזן זיך אַנטשיידן.

עסטראַגאָן

אַוודאי. (שווייגן)

וולאַדימיר

העלף מיר!

עסטראַגאָן

איך זוך. (שווייגן)

וולאַדימיר

ווען מען זוכט, הערט מען זיך צו צו זיך אַליין.

עסטראַגאָן

אַזוי איז עס.

וולאַדימיר

דאָס שטערט צום געפינען.

עסטראַגאָן

אמת.

וולאַדימיר

ווען מען הערט קאָן מען נישט טראַכטן.

עסטראַגאָן

מען טראַכט אָבער פאָרט.

וולאַדימיר

אָך וואָס, דאָס איז נישט מעגלעך!

עסטראַגאָן

גוט־אַזוי. מיר וועלן זיך אָמפּערן.

וולאַדימיר

ס'איז אוממעגלעך.

עסטראַגאָן

פֿאַר וואָס קלערסטו אַזוי.

וולאַדימיר

מיר דערוועגן זיך נישט מער צו טראַכטן.

עסטראַגאָן

אויב אַזוי האָבן מיר זיך נישט איבער וואָס צו באַקלאָגן.

וולאַדימיר

טראַכטן איז נישט דאָס ערגסטע.

עסטראַגאָן

געוויס נישט. אָבער „נישט־טראַכטן" דאָס איז שוין עפּעס.

וולאַדימיר

וואָס מיינסטו מיט דעם: „דאָס איז שוין עפּעס?"

עסטראַגאָן

אָ, גוט — מיר וועלן זיך פֿרעגן איינער דעם צווייטן!

וולאַדימיר

וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן „דאָס איז שוין עפּעס?"

עסטראַגאָן

„נישט טראַכטן" איז שוין „עפּעס ווייניקער"

(פּויזע)

וולאַדימיר

אמת.

עסטראַגאָן

נו, אויב אַזוי אפשר קאָנען מיר זיך גליקלעך שאַצן ?

וולאַדימיר

ס׳איז שרעקלעך וואָס מיר האָבן ערשט געטאָן — גע־טראַכט !

עסטראַגאָן

ס׳האָט אונדז נאָך נישט פּאַסירט ?

וולאַדימיר

— פון ווו קומען די אַלע מתים ?

עסטראַגאָן

די געביינען ?

וולאַדימיר

אַט דאָס איז עס.

עסטראַגאָן

אַט דאָס איז עס...

וולאַדימיר

אַ ביסל האָבן מיר שוין פריִער געטראַכט.

עסטראַגאָן

גאַנץ ביים אָנהייב.

וולאַדימיר

אַ ביינער־שטיבל... אַ ביינער־שטיבל...

עסטראַגאָן

מען דאַרף נאָר אַהין נישט קוקן...

וולאַדימיר

עס ציט אָבער פאַרט, אַהין צו קוקן.

עסטראַגאָן

אמת.

וולאַדימיר

נישט ווילנדיק.

עסטראַגאָן

ווי אַזוי זאָגסטו?

וולאַדימיר

נישט ווילנדיק.

עסטראַגאָן

מען וואָלט געדאַרפט זיך ווידער אומקערן צו דער נאַטור.

וולאַדימיר

מיר האָבן עס שוין אַ מאָל פּראָבירט.

עסטראַגאָן

אָ, יאָ.

וולאַדימיר

ס'איז נישט דאָס ערגסטע — געוויס נישט...

עסטראַגאָן

וואָס אַזוינס?

וולאַדימיר

דער פאַקט וואָס מיר האָבן „געטראכט"".

עסטראַגאָן

געוויס נישט.

וולאַדימיר

אָבער מיר וואָלטן זיך געקאָנט באַגיין אָן דעם.

עסטראַגאָן

וואָס לאָזט זיך טאָן?

וולאַדימיר

נו, אַוודאי. (שווייגן)

עסטראַגאָן

ס׳איז גאַרנישט אַזוי שלעכט געווען ווי אַן ערשטער פּרווו,
ס׳שטימט?

וולאַדימיר

אָבער איצט מוז אונדז עפּעס אַנדערש אויפן געדאַנק קומען.

עסטראַגאָן

מירן זען.

וולאַדימיר

מירן זען.

עסטראַגאָן

מירן זען. (זיי טראַכטן נאָך)

וולאַדימיר

וועגן וואָס האָב איך פריִער גערעדט? מען וואָלט געקאָנט
אין דעם אָנקניפּן.

עסטראַגאָן

ווען פריִער?

וולאַדימיר

גאַנץ ביים אָנהייב.

עסטראַגאָן

ביי וועלכן אָנהייב?

וולאַדימיר

פונעם היינטיקן אָוונט. איך האָב געזאָגט... איך האָב גע־
זאָגט...

עסטראַגאָן

דו פאַרלאַנגסט שוין צו פיל פון מיר.

וולאַדימיר

אַ מינוט! מיר האָבן זיך אַרומגענומען... מיר זענען געווען

צופרידן... צופרידן... „וואָס טוען מיר איצט בשעת מיר זע־נען צופרידן? מיר וואַרטן"... איין רגע — מיר וואַרטן — עס קומט! בשעת מיר זענען צופרידן — איין רגע... אָ! דער בוים!

עסטראַגאָן

דער בוים?

וולאַדימיר

דערמאָנסט זיך נישט?

עסטראַגאָן

איך בין מיד.

וולאַדימיר

קוק אים דיר אָן.

(עסטראַגאָן באַטראַכט דעם בוים)

עסטראַגאָן

איך זע דאָרט גאָרנישט אויסטערלישס.

וולאַדימיר

נעכטן איז ער געווען פאַרשוואַרצט און פאַרדאַרט, היינט איז ער פול מיט בלעטער.

עסטראַגאָן

מיט בלעטער?

וולאַדימיר

אין איין איינציקער נאַכט!

עסטראַגאָן

אפשר איז שוין פרילינג־צייט?

וולאַדימיר

אָבער — אין איין נאַכט?

עסטראַגאָן

און איך זאָג דיר אַז מיר זענען נעכטן דאָ נישט געווען. עס האָט זיך דיר געחלומט.

וולאַדימיר

אויב אַזוי, ווּ זענען מיר נעכטן יאָ געווען?

עסטראַגאָן

ערגעץ ווּ, אין אַן אַנדערן מקום. עס פעלן נישט קיין פּלע־צער אין ליידיקן רוים.

וולאַדימיר (פעסט ביי זיך)

גוט, מיר זענען דאָ נישט געווען, איז וואָס זשע האָבן מיר נעכטן געטאָן?

עסטראַגאָן

וואָס מיר האָבן געטאָן?

וולאַדימיר

אַנו, פּראָביר און דערמאָן זיך.

עסטראַגאָן

מיר האָבן געוויס געפּלוידערט.

וולאַדימיר (באַהערשט זיך)

איבער וואָס?

עסטראַגאָן

איבער וואָס? איבער צעבראָכענע שטעקנס אָדער איבער גאָרנישט (מיט זיכערקייט)

יאָ, איצט דערמאָן איך זיך — איבער גאָרנישט מיט גאָר־נישט, דאָס גייט שוין אַזוי איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט.

וולאַדימיר

דו דערמאָנסט זיך נישט קיין שום באַזונדער געשעעניש פון נעכטן? אין קיין שום קוריאָזן?

עסטראַגאָן

פייניק מיך נישט, דידי.

וולאַדימיר

די זון? די לבנה? דערמאָנטס זיך אָן עפּעס אין שייכות מיט זיי?

עסטראַגאָן

זיי זענען געוויס דאָרט געווען, אַזוי ווי שטענדיק.

וולאַדימיר

ס'איז דיר גאָרנישט געווען באַזונדערס אויפפאַלנדיק?

עסטראַגאָן

וואָס ווילסטו פון מיר?

וולאַדימיר

און פּאָזאָ? און לאַקי?

עסטראַגאָן

פּאָזאָ?

וולאַדימיר

די ביינער!

עסטראַגאָן

זאָג בעסער די פיש־ביינדלער.

וולאַדימיר

פּאָזאָ האָט זיי דיר געגעבן.

עסטראַגאָן

איך ווייס נישט ווער עס האָט זיי מיר געגעבן.

וולאַדימיר

און דער פוסטריט?

עסטראַגאָן

דער פּוסטריט? דאָס יאָ, זעסטו, פּוסטריט האָט מען מיר יאָ דערלאַנגט.

וולאַדימיר

לאַקי האָט עס דיר געטאָן.

עסטראַגאָן

און דאָס אַלץ איז געווען נעכטן?

וולאַדימיר

ווייַז אַהער דעם פּוס.

עסטראַגאָן

וועלכן?

וולאַדימיר

ביידע. צי אַרויף דעם הויז.

(עסטראַגאָן שטייט אויף איין פּוס און האַלט דעם אַנדערן אין דער הויך. ער פּאַרט שיר־נישט אום. וולאַדימיר האַלט דעם פּוס)

צי אַרויף דעם הויז!

עסטראַגאָן

איך קאָן נישט.

(וולאַדימיר שיבט אַרויף דעם הויז, זעט אַז ס'איז נישט דער פּוס און לאָזט אים פאַלן)

וולאַדימיר

דעם אַנדערן!

(עסטראַגאָן שטרעקט נאָך אַ מאָל דעם זעלבן פּוס)

דעם אַנדערן האָב איך געזאָגט!

(דאָס זעלבע שפּיל מיט דעם אַנדערן)

דאָ איז די וווּנד און נאָך דערצו אָנגעשוואָלן.

וולאַדימיר

און ווו זענען דיינע שיך?

עסטראַגאָן

כ׳האָב זיי, זעט אויס, אַוועקגעוואָרפן.

וולאַדימיר

ווען?

עסטראַגאָן

איך ווייס עס נישט.

וולאַדימיר

פאַר וואָס?

עסטראַגאָן

ווייל עס פאַלט מיר נישט איין ווען.

וולאַדימיר

איך מיין, פאַר וואָס האָסטו זיי אַוועקגעוואָרפן?

עסטראַגאָן

זיי האָבן מיר וויי געטאָן.

וולאַדימיר (ווייזנדיק אויף די שיך)

דו האָסטו זיי! (עסטראַגאָן קוקט צו די שיך)

אויפן זעלבן אָרט ווו דו האָסט זיי נעבכטן אין אָוונט אַוועק־געשטעלט.

(עסטראַגאָן באַטראַכט די שיך)

עסטראַגאָן

די שיך זענען נישט מיינע.

וולאַדימיר

נישט דיינע?

עסטראַגאָן

מיינע זענען געווען שוואַרצע און די זענען געלע.

וולאַדימיר

דו ביסט זיכער אַז דיינע זענען געווען שוואַרץ?

עסטראַגאָן

דאָס הייסט — זיי זענען געווען גרוילעכע.

וולאַדימיר

און די זענען געל? אַנו, לאָז זען.

עסטראַגאָן (הייבט אויף אַ שוך)

נו, יאָ, זיי זענען גרינלעכע.

וולאַדימיר (דערנעענטערט זיך)

לאָז זען

(עסטראַגאָן גיט אים דעם שוך. וולאַדימיר באַטראַכט אים און וואַרפט אים אַוועק מיט כּעס)

אַזוינס גאָר!

עסטראַגאָן

דו זעסט, דאָס אַלץ איז...

וולאַדימיר

איך ווייס וואָס דאָס איז. איך ווייס גענוי וואָס דאָ איז געשען.

עסטראַגאָן

דאָס אַלץ האָט...

וולאַדימיר

ס'איז קלאָר ווי דער טאָג. איינער איז געקומען און דיינע גענומען און זיינע — דאָ אַוועקגעשטעלט.

עסטראַגאָן

פאַר וואָס?

ווֹלאַדימיר

זיינע האָבן אים נישט געפּאַסט, דעריבער האָט ער דיינע גענומען.

עסטראַגאָן

מיינע זענען דאָך געווען צו קליין.

ווֹלאַדימיר

דיר, נישט אים.

עסטראַגאָן

איך בין מיד. (פּויזע)

קום, לאָמיר גיין.

ווֹלאַדימיר

מיר קאָנען נישט.

עסטראַגאָן

פאַר וואָס נישט?

ווֹלאַדימיר

מיר וואַרטן אויף גאָדאָ.

עסטראַגאָן

אָ, יאָ. (פּויזע)

נו, וואָס זאָל מען טאָן?

ווֹלאַדימיר

מען קאָן גאָרנישט טאָן.

עסטראַגאָן

עס קאָן דאָך נישט ווייטער אַזוי אָנגיין!

ווֹלאַדימיר

ווילסט אַ רעטעכל?

עסטראַגאָן

איז דאָס אַלץ וואָס ס'איז נאָך דאָ?

וולאַדימיר

כ׳האָב רעטעכלעך און אַ פּאָר ווייסע בוריקלעך.

עסטראַגאָן

אַ מייערל האָסטו נישט?

וולאַדימיר

ניין, דו טרייבסט שוין איבער מיט די מייערלעך.

עסטראַגאָן

נו, זאָל זיין אַ רעטעכל.

(וולאַדימיר זוכט אין זיינע קעשענעס און געפינט נאָר ריבלעך. ער שלעפּט ענדלעך אַרויס אַ רעטעכל און גיט עס אים. דער דרייט עס אַהין און אַהער)

ס׳איז אַ שוואַרצס.

וולאַדימיר

ס׳איז אַ רעטעכל.

עסטראַגאָן

איך האָב ליב די רויטע רעטעכלעך. דו ווייסט דאָס גאַנץ גענוי.

וולאַדימיר

און דאָס ווילסטו נישט?

עסטראַגאָן

איך האָב ליב די רויטלעכע.

וולאַדימיר

אויב אַזוי גיב דאָס צוריק. (עסטראַגאָן גיט צוריק דאָס רעטעכל)

עסטראַגאָן

איך גיי מיר זוכן אַ מייערל. (ער רירט זיך נישט פונעם אָרט)

וולאַדימיר

אַלץ ווערט שוין באמת אָן אַ זין.

עסטראַגאָן

נאָך נישט גענוג.

(שווייגן)

וולאַדימיר

ווילסט נישט נאָך אַ מאָל פּראָבירן?

עסטראַגאָן

כ'האָב שוין אַלץ אויספּראָבירט.

וולאַדימיר

איך מיין די שיך.

עסטראַגאָן

יאָ?

וולאַדימיר

אַזוי פאַרגייט גיכער די צייט.

(עסטראַגאָן צעגערט)

ס'איז געוויס אַ פאַרברענגען.

עסטראַגאָן

אַ פאַרווײַלונג.

וולאַדימיר

אַ פאַרברענגען.

עסטראַגאָן

אַ פאַרווײַלונג.

וולאַדימיר

פּראָביר.

עסטראַגאָן

וועסט מיר העלפן?

וולאַדימיר

געוויס.

עסטראַגאָן

מיר שלאָגן זיך גאַנץ גוט דורך. נישט אמת, דידי? מיר ביידע?

וולאַדימיר

יאָ, יאָ. קום, קודם וועלן מיר פּראָבירן מיטן לינקן.

עסטראַגאָן

מיר געפינען שטענדיק וואָס צו טאָן, מיר קאָנען זיך איינ־רעדן, אַז מיר עקסיסטירן, נישט אמת, דידי?

וולאַדימיר (אומגעדולדיק)

יאָ, יאָ. מיר זענען שוואַרצקינסטלער, אָבער זאָלן מיר נישט אַוועקגיין פון אונדזער באַשלוס.

(ער הייבט אויף די שיך)

קום, גיב אַהער דעם פוס.

(עסטראַגאָן דערנענטערט זיך צו אים און הייבט אויף אַ פוס)

דעם אַנדערן — דו שווייַן! (עסטראַגאָן הייבט אויף דעם אַנדערן) העכער!

(ענג, בייַנאַנד הינקען זיי איבער דער סצענע. וולאַדימירן געלינגט עס ענדלעך אים דעם שוך אָנצוטאָן)

פּראָביר צו גיין. (עסטראַגאָן מאַכט אַ פּאָר שריט)

נו, און?

עסטראַגאָן

ער פּאַסט.

וולאַדימיר (נעמט אַרויס אַ שטריקל פון זייַן קעשענע)

נאַ, נעם... אַ שיכבענדל.

עסטראַגאָן

ניין, דאָס נישט! אַלץ, נאָר נישט קיין שיכבענדלעך. נאָר נישט קיין שיכבענדלעך.

וולאַדימיר

שפּעטער וועט דיר באַנג טאָן. איצט פּראָביר מיט דעם אַנ־
דערן פוס.

(דאָס זעלבע שפּיל)

נו, און?

עסטראַגאָן

פּאַסט אויך.

וולאַדימיר

זיי טוען דיר נישט וויי?

עסטראַגאָן (גייט פּאַרזיכטיק, מאַכנדיק אַ פּאָר שריט איבער דער בינע)

נאָך נישט.

וולאַדימיר

גוט, אויב אַזוי קאָנסטו מיט זיי בלייבן.

עסטראַגאָן

זיי זענען עטוואָס צו גרויס.

וולאַדימיר

אפשר שענקט דיר אַמאָל ,עמעצער אַ פּאָר זאָקן.

עסטראַגאָן

אַ, יאָ.

וולאַדימיר

גוט וואָס זיי פּאַסן דיר!

עסטראַגאָן

הער שוין אויף צו רעדן וועגן זיי.

וולאַדימיר

יאָ, אָבער...

עסטראַגאָן

הער אויף! (שווייגן)

איצט זעץ איך זיך, ענדלעך, אַנידער.

(ער זוכט מיט די אויגן אַן אָרט און זעצט זיך ווי ער איז נעכטן, ביים אָנהייב פונעם שטיק, געזעסן)

וולאַדימיר

דאָ ביסטו נעכטן אָוונט אויך געזעסן.

(שווייגן)

עסטראַגאָן

וואָלט איך נאָר געקאָנט אַ ביסל שלאָפן.

וולאַדימיר

נעכטן ביסטו געשלאָפן.

עסטראַגאָן

איך וועל זען...

(ער נעמט אַריין דעם קאָפּ צווישן די אָרעמס און שפּאַרט זיי אָן אויף די קני)

וולאַדימיר

וואַרט!

ער דערנענטערט זיך צו אים און פאַנגט אָן זינגען אויף אַ קול)

ליו-ליו, ליו-ליו.

עסטראַגאָן (הייבט אויף דעם קאָפּ)

נישט אַזוי הויך.

וולאַדימיר

ליו-ליו, ליו-ליו.

ליו-ליו-ליו,

ליו ליו.

(עסטראַגאָן שלאָפט. וולאַדימיר טוט אויס זיין רעקל און דעקט אים איין. ער גייט אויף און אָפּ איבער דער בינע און שלאָגט זיך מיט געקרייצטע אָרעמס זיך צו דערוואַרעמען. עסטראַגאָן שפּרינגט אויף דערשראָקן און מאַכט אַ פּאָר שריט, וולאַדימיר לויפט צו צו אים און נעמט אים אַרום)

וואָס איז... וואָס איז... כ׳בין דאָ... כ׳בין דאָ... שרעק זיך
ניט!

עסטראַגאָן

אָ!

וולאַדימיר

רויק... רויק... ס׳איז שוין פאַרביי.

עסטראַגאָן

איך בין געפאַלן...

וולאַדימיר

ס׳איז שוין דורך. קלער נישט מער וועגן דעם.

עסטראַגאָן

איך בין געווען אויף אַ...

וולאַדימיר

ניין, ניין. זאָג גאָרנישט. קום, מיר וועלן אַ ביסל אַרומגיין.

(ער נעמט אים אונטערן אָרעם און פירט אים אויף און אָפּ איבער דער בינע. עסטראַגאָן קווענקלט זיך ווייטער צו גיין)

עסטראַגאָן

הער אויף, איך בין מיד.

וולאַדימיר

דו ווילסט בעסער דאָ בלייבן און גאָרנישט טאָן?

עסטראַגאָן

יאָ.

וולאַדימיר

ווי דו ווילסט.

(ער לאָזט אים אָפּ, הייבט אויף זיין רעקל און טוט עס אָן)

עסטראַגאָן

אויף אַוועקצוגיין בין איך גרייט.

וולאַדימיר

מיר קאָנען נישט גיין.

עסטראַגאָן

פאַר וואָס נישט?

וולאַדימיר

מיר וואַרטן אויף גאָדאָ.

עסטראַגאָן

אָ, יאָ.

(וולאַדימיר גייט אויף און אָפּ)

קאָנסט נישט זיין אַ ביסל רויִקער?

וולאַדימיר

ס'איז מיר קאַלט.

עסטראַגאָן

מיר זענען צו פרי געקומען.

וולאַדימיר

שטענדיק קומען מיר ווען די נאַכט פאַלט־צו.

עסטראַגאָן

היינט וויל זי, די נאַכט, ווייזט אויס, נישט קומען.

וולאַדימיר

זי וועט גאַנץ פלוצלינג אַראָפּפאַלן, אַזוי ווי נעכטן.

עסטראַגאָן

און עס וועט זיין נאַכט.

וולאַדימיר

און מיר וועלן קאָנען אַוועקגיין.

עסטראַגאָן

און עס וועט ווידער ווערן טאָג... (פויזע)

וואָס זאָל מען טאָן? וואָס זאָל מען טאָן?

וולאַדימיר (הערט אויף אַרומצוגיין. ווערט אין כעס)

הער אויף זיך צו באַדויערן! דו שפּילסט מיר אויף די נערוון

מיט דיין געיאָמער!

עסטראַגאָן

איצט גיי איך...

וולאַדימיר (דערקענט לאַקיס הוט)

קוק!

עסטראַגאָן

אַדיע!

וולאַדימיר

לאַקיס הוט! (ער גייט צו צום הוט)

כ׳בין שוין דאָ אַ שעה צייט און כ׳האָב דעם הוט נישט

באַמערקט. (זייער צופרידן)

ס׳איז גראַסאַרטיק!

עסטראַגאָן

דו וועסט מיך מער נישט זען.

וולאַדימיר

ווי דו זעסט האָב איך זיך נישט טועה געווען אינעם אָרט.

איצט קאָנען מיר זיין באַרויִקט.

(ער הייבט אויף לאַקיס הוט, באַטראַכט אים, גלייכט אים אויס)

ס׳איז, ווייזט אויס, אַמאָל געווען אַ שיינער הוט.

(ער דערלאַנגט זיין הוט עסטראַגאָנען)

כאַפּ!

עסטראַגאָן

וואָס טוט זיך...

וולאַדימיר

האַלט פעסט!

(עסטראַגאָן נעמט וולאַדימירס הוט. וולאַדימיר טוט אָן, מיט בײדע הענט, לאַקיס הוט. עסטראַגאָן פאַרבײַט זײַן הוט מיט וולאַדימירס און דערלאַנגט זײַן הוט וולאַדימירן. וולאַדימיר נעמט עסטראַגאָנס הוט. עסטראַגאָן טוט אָן, מיט בײדע הענט, וולאַדימירס הוט. וולאַדימיר פאַרבײַט עסטראַגאָנס הוט מיט לאַקיס הוט און גיט לאַקיס הוט עסטראַגאָנען. עסטראַגאָן נעמט לאַקיס הוט. וולאַדימיר טוט אָן עסטראַגאָנס הוט. עסטראַגאָן פאַרבײַט לאַקיס הוט מיט וולאַדימירס הוט און דערלאַנגט אים וולאַדימירן. וולאַדימיר נעמט זײַן הוט. עסטראַגאָן טוט אָן לאַקיס הוט. וולאַדימיר פאַרבײַט זײַן הוט מיט עסטראַגאָנס הוט און גיט אים עסטראַגאָנען. עסטראַגאָן נעמט זײַן הוט. וולאַדימיר טוט אָן זײַן הוט. עסטראַגאָן פאַרבײַט זײַן הוט מיט לאַקיס הוט און גיט אים וולאַדימירן. וולאַדימיר נעמט לאַקיס הוט. עסטראַגאָן טוט אָן זײַן הוט. וולאַדימיר פאַרבײַט לאַקיס הוט מיט זײַן אײגענעם און גיט דעם עסטראַגאָנען. עסטראַגאָן נעמט וולאַדימירס הוט. וולאַדימיר טוט אָן לאַקיס הוט. עסטראַגאָן דערלאַנגט וולאַדימירס הוט וולאַדימירן. דער נעמט אים און גיט אים עסטראַגאָנען, דער נעמט אים און גיט אים וולאַדימירן. דער נעמט אים און וואַרפט אים אַוועק. [דאָס אַלץ קומט פאָר מיט שנעלע באַוועגונגען]. וולאַדימיר בײגט פאַרנט אַראָפּ דעם ראַנד פונעם הוט)

וולאַדימיר

דער פּאַסט מיר?

עסטראַגאָן

איך ווײס נישט.

וולאַדימיר

ווי זע איך אויס?

(ער דרײט דעם קאָפּ אַהין און אַהער, קאָקעט ווי אַ מאַנעקין)

עסטראַגאָן

שוידערהאַפט.

וולאַדימיר

נישט ערגער ווי געוויינטלעך?

עסטראַגאָן

פּונקט אַזוי.

וולאַדימיר

אויב אַזוי בלייב איך מיט דעם הוט. מיינער טוט מיר וויי.

(פויזע)

ווי אַזוי זאָל איך זאָגן?

(פויזע)

ער קראַצט מיך.

עסטראַגאָן

נו, איצט גיי איך.

וולאַדימיר

איצט וואָלטן מיר געקאָנט שפּילן...

עסטראַגאָן

וואָס שפּילן?

וולאַדימיר

מיר קאָנען שפּילן אין „פּאָזאָ און לאַקי״.

עסטראַגאָן

דאָס שפּיל קען איך נישט.

וולאַדימיר

איך וועל זיין לאַקי און דו פּאָזאָ.

(ער מאַכט נאָך איינעם וואָס ברעכט זיך איין אונטער אַ שווערער לאַסט. עסטראַגאָן קוקט אים אָן פאַרתּמט)

נו, הייב אָן!

עסטראַגאָן

וואָס זאָל איך טאָן?

וולאַדימיר

זידל מיך!

עסטראַגאָן

דו היניטישער חזיר!

וולאַדימיר

שטאַרקער!

עסטראַגאָן

דו מיסט־בין, דו לומפּ!

(וולאַדימיר שטרויכלט אַהין און צוריק)

וולאַדימיר

הייס מיך קלערן.

עסטראַגאָן

ווי אַזוי זאָגסטו?

וולאַדימיר

זאָג: קלער, חזיר!

עסטראַגאָן

קלער חזיר!

(שווייגן)

וולאַדימיר

דאָס קאָן איך נישט...

עסטראַגאָן

הער שוין אויף מיט דעם!

וולאַדימיר

הייס מיך טאַנצן.

עסטראַגאָן

איך גיי...

וולאַדימיר

טאַנץ, חזיר!

(ער מאַכט באַוועגונגען, שטייענדיק אויף דעם זעלבן פּלאַץ. עסטראַגאָן לויפט אַוועק)

אַפילו דאָס קאָן איך נישט.

(ער הייבט אויף דעם בליק, דערזעט, אַז עסטראַגאָן איז מער נישטאָ, שרייט ער האַרצרייסנדיק)

גאָגאָ!

(שטילשווייגן. ער גייט כמעט לויפנדיק איבער דער בינע. עסטראַגאָן קומט אַריין פאַרסאָפּעט און לויפט צו צו אים. זיי בלייבן זיך אָנטקעגן שטיין)

ענדלעך ביסטו ווידער דאָ!

עסטראַגאָן (אָטעמט טיף אָפּ)

כ׳בין פאַרלוירן!

וולאַדימיר

ווו ביסטו געווען? איך האָב שוין געמיינט אַז דו ביסט אויף שטענדיק אַוועק.

עסטראַגאָן

ביים אָפּגרונט בין איך געווען. זיי קומען.

וולאַדימיר

ווער?

עסטראַגאָן

איך ווייס נישט.

וולאַדימיר

וויפל?

עסטראַגאָן

כ׳ווייס עס נישט.

וולאַדימיר (באַגייסטערט)

דאָס איז ער! גאָדאָ! ענדלעך!

(ער נעמט אַרום עסטראַגאָנען און איז אויסער זיך פאַר פרייד)

גאָגאָ! ס׳איז גאָדאָ! מיר זענען געראַטעוועט! קום, לאָמיר אים אַנטקעגנגיין!

(ער ציט עסטראַגאָנען הינטער זיך צו דער קוליסע צו. עסטראַגאָן ווערט זיך, רייסט זיך אויס, לויפט צו דער אַנדערער זייט און פאַרלאָזט די סצענע)

גאָגאָ, קום צוריק!

(שווייגן. וולאַדימיר לויפט צו צו דער קוליסע פון וועלכער עסטראַגאָן איז פריִער אַריינגעקומען, ער קוקט אין דער ווייטנס. עסטראַגאָן קומט צוריק פון דער אַנדערער זייט, לויפט צו צו וולאַדימירן, דער האָט זיך צו אים אומגעקערט)

ביסטו ווידער דאָ?

עסטראַגאָן

ס'איז מיין סוף!

וולאַדימיר

וווּ ביסטו געווען? ביסט ווייט געלאָפן?

עסטראַגאָן

ביז צום ראַנד פונעם אָפּגרונט.

וולאַדימיר

ס'הייסט, אַז מיר זענען אויף אַ פּלאַטע, אַזוי צו זאָגן, אויפן דערלאַנג־טאַץ!

עסטראַגאָן

פון דער זייט קומען זיי אויך.

וולאַדימיר

מיר זענען אַרומגערינגלט!

(עסטראַגאָן לויפט אָן אויפגערעגטער צו דער הינטערשטער קו־ליסע צו, קלאַפּט זיך אָן אין איר און פאַלט)

אידיאָט, דאָ איז נישט קיין אַרויסגאַנג.

(וולאַדימיר הייבט אים אויף, פירט אים צו דער ראַמפּע און ווייזט אים דעם צושויער־רוים)

דאָ איז קיינער נישטאָ. אַנטלויף דורך דער מיט! ריר זיך!

(ער שטויסט אים צו צו דער ראַמפּע. עסטראַגאָן רייסט זיך צוריק)

דו ווילסט נישט? נו, יאָ. ס'איז צו פאַרשטיין, לאָמיר זען

(ער טראַכט אַ ווײַלע)

דאָ קאָן מען נאָר איין זאַך טאָן — זיך באַהאַלטן!

עסטראַגאָן

ווו?

וולאַדימיר

הינטער דעם בוים.

(עסטראַגאָן צעגערט)

גיך! הינטער דעם בוים!

(עסטראַגאָן לויפט זיך באַהאַלטן. דער בוים פאַרשטעלט אים נישט אין גאַנצן)

ריר זיך נישט.

(עסטראַגאָן קומט אַרויס פון זיין „באַהעלטעניש")

דער בוים ניצט צו גאָרנישט.

(צו עסטראַגאָנען)

ביסט משוגע געוואָרן?

עסטראַגאָן (רויִקער)

כ'האָב אויף אַ ווײַלע דעם קאָפּ פאַרלוירן.

(ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ פאַרשעמט)

זײַ מיר מוחל!

(ער הייבט אויף שטאָלץ דעם קאָפּ)

ס'איז פאַרביי. דו וועסט זען, זאָג מיר נאָר וואָס איך זאָל טאָן.

וולאַדימיר

אַ סך זאַכן קאָן מען דאָ נישט טאָן.

עסטראַגאָן

קום, דו וועסט זיך דאָ אַוועקשטעלן.

(ער ציט וולאַדימירן צו צו דער לינקער קוליסע און ווייזט אים דאָס אָרט)

דאָ בלייב שטיין און עפן די אויגן.

(ער לויפט צו צו דער רעכטער קוליסע, וולאַדימיר קוקט אים נאָך איבערן אַקסל. עסטראַגאָן קוקט אין דער ווייטנס און דאַן — וולאַדימירן איבערן אַקסל)

אַט־אַזוי, אַקסל צו אַקסל, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן!

(זיי קוקן זיך נאָך אַ ווײַלע אָן)

און שפּעטער — אויף די וועגן.

(אַ לאַנגע פּויזע)

זעסט עפּעס?

וולאַדימיר (דרייט זיך אום)

ווי אַזוי זאָגסטו?

עסטראַגאָן (העכער)

זעסט עמעצן קומען?

וולאַדימיר

ניין.

עסטראַגאָן

איך אויך נישט.

(זיי האַלטן ווידער אין איין אויסקוקן. אַ לאַנגע פּויזע)

וולאַדימיר

ס'האָט זיך דיר נאָר אויסגעדאַכט.

עסטראַגאָן (קוקט אָן וולאַדימירן)

ווי אַזוי זאָגסטו?

וולאַדימיר (שטאַרקער)

עס האָט זיך דיר נאָר אויסגעוויזן...

עסטראַגאָן

שריי נישט אַזוי.

(זיי האַלטן ווידער אין איין אויסקוקן. אַ לאַנגע פּויזע)

וולאַדימיר און עסטראַגאָן (בײדע ווענדן זיך גלײכצײַטיק אום)

ס׳איז...

וולאַדימיר

אָ! אַנטשולדיק!

עסטראַגאָן

רעד רויִק ווייטער.

וולאַדימיר

ניין, ניין.

עסטראַגאָן

אָבער יאָ!

וולאַדימיר

כ׳בין דיר אַרײַנגעפאַלן אין די רייד.

עסטראַגאָן

ס׳הייבט זיך נישט אָן. פּונקט פאַרקערט.

(זיי קוקן זיך איבער מיט שנאה)

וולאַדימיר

איך בעט דיך — אָן פאָרמאַליטעטן!

עסטראַגאָן

זיי נישט אַזוי אײַנגעשפּאַרט.

וולאַדימיר (ענערגיש)

פאַרענדיק דײַן געדאַנק!

עסטראַגאָן (אויך ענערגיש)

רעד דו קודם.

(שווייגן. זיי גייען זיך אַנטקעגן)

וולאַדימיר (זידלט)

מנובל, אויסוואורף, דבר־אחר !

עסטראַגאָן

פיין ! מיר וועלן זיך זידלען.

(זיי צעגייען זיך ווי ביי אַ דועל, דרייען זיך אויס און בלייבן שטיין זיך אַנטקעגן)

וולאַדימיר

נבלה.*

עסטראַגאָן

קנאַקוואורשטל.

וולאַדימיר

נאַסער פענכער.

עסטראַגאָן

גיפטיק פאַרזעעניש.

וולאַדימיר

סמאַרקול.

עסטראַגאָן

רינדערנער ביין.

וולאַדימיר

מיסטקאַסטן־בין.

עסטראַגאָן

אַבער־וואַלד־אינספעקטאָר.

וולאַדימיר (איבערטריבן)

אַה !

---

* אין דעם פראַנצויזישן אָריגינאַל־טעקסט זענען נישט אויסגערעכנט די זידלערייען. די דאָזיקע זענען פונעם דייטשן טעקסט.

עסטראַגאָן

שוין גענוג. איצט קאָנען מיר זיך איבערבעטן.

וולאַדימיר

גאָגאָ!

עסטראַגאָן

דידי!

וולאַדימיר

דיין האַנט!

עסטראַגאָן

דאָ האָסטו זי!

וולאַדימיר

קום אין מיינע אָרעמס!

עסטראַגאָן

אין דיינע אָרעמס?

וולאַדימיר

(שפּרייט אויס זיינע אָרעמס)

אויף מיין ברוסט!

עסטראַגאָן

נו, געגאַנגען!

(זיי נעמען זיך אַרום. שווייגן)

וולאַדימיר

ווי גיך די צייט פאַרגייט ביי אַ גוטער אונטערהאַלטונג!

(שווייגן)

עסטראַגאָן

וואָס וועלן מיר איצט טאָן?

וולאַדימיר

ביז ער קומט? —

עסטראַגאָן

ביז ער קומט. (שווייגן)

וולאַדימיר

אפשר וואָלטן מיר געמאַכט אַ ביסל גימנאַסטיק?

עסטראַגאָן

אונדזערע ספּאָרט־איבונגען.

וולאַדימיר

געשיקטקייטס־פּאָרמעסטן.

עסטראַגאָן

אָנטשפּאַנונגס־פּרוּוון.

וולאַדימיר

געלענקס־איבונגען..

עסטראַגאָן

אָנטשפּאַנונגס־פּרוּוון.

וולאַדימיר

זיך צו דערוואַרעמען.

עסטראַגאָן

זיך צו באַרויִקן.

וולאַדימיר

אַלזאָ אָנפאַנגען! (ער הייבט אָן שפּרינגען, עסטראַגאָן אויכעט)

עסטראַגאָן (הערט אויף צו שפּרינגען)

הער אויף. איך בין מיד.

וולאַדימיר (הערט אויף)

מיר זענען נישט מער אין פאָרעם. אפשר וואָלט געווען בעסער אָנצוהויבן מיט אָטעם־איבונגען?

עסטראַגאָן

צוליב וואָס אָטעמען? (פּויזע)

וולאַדימיר

דו האָסט רעכט. (פויזע)

נו, מיר וועלן צום ווייניקסטן מאַכן אַ קאָזשלקע. ס'איז גוט פאַרן גלייכגעוויכט.

עסטראַגאָן

מאַכן אַ קאָזשלקע?

וולאַדימיר (מאַכט אַ קאָזשלקע. ער שטייט אויף און וואַקלט זיך)

איצט ביסטו אין דער ריי.

(עסטראַגאָן מאַכט אַ קאָזשלקע. ער וואַקלט זיך)

עסטראַגאָן

ווי מיינסטו? גאָט זעט מיך?

וולאַדימיר

מען מוז די אויגן צומאַכן.

(עסטראַגאָן פאַרמאַכט די אויגן און וואַקלט זיך נאָך מער)

עסטראַגאָן

(שטעלט זיך אויף, וואַרפט זיינע צוגעמאַכטע פויסטן צום הימל און שרייט מיטן גאַנצן כוח)

גאָט, דערבאַרעם זיך איבער מיר!

וולאַדימיר (ברוגז)

און איך?

עסטראַגאָן

איבער מיר! איבער מיר! דערבאַרעם זיך איבער מיר!

(פאָזאָ און לאַקי טרעטן אויף. פאָזאָ איז בלינד. לאַקי איז באַלאָדן אַזוי ווי אינעם ערשטן אַקט. אויך דער שטריק אַרום זיין האַלדז איז ווי פריער אָבער קירצער, פאָזאָ זאָל אים קאָנען לייכטער נאָכפאָלגן. לאַקי טראָגט אַ נייעם הוט. ביים אָנבליק פון וולאַדימיר און עסטראַגאָן בלייבט ער שטיין. פאָזאָ, וועלכער איז ווייטער געגאַנגען, קלאַפּט זיך אָן אין אים. וולאַדימיר און עסטראַגאָן ציִען זיך צוריק)

פּאָזאָ (קלאַמערט זיך אין לאַקין, דער וואַקלט זיך אונטער דער לאַסט)

וואָס איז געשען? ווער האָט גערופן?

(לאַקי פאַלט און רייסט מיט זיך מיט פּאָזאָן. בײדע בלײבן ליגן אין מיטן פונעם געפּעק)

עסטראַגאָן

ס׳איז גאָדאָ?

װלאַדימיר

אויסגעשלאָסן!

(ער גייט צו צו דעם הויפן, עסטראַגאָן גייט אים נאָך)

ענדלעך אַ פאַרשטאַרקונג!

פּאָזאָ (מיט פּחד אין דער שטים)

העלפט!

עסטראַגאָן

ס׳איז גאָדאָ?

װלאַדימיר

מיר האָבן שוין געהאַט אָנגעהויבן צו צווייפלען, איצט איז דער סוף פונעם הײנטיקן פּראָגראַם געזיכערט.

פּאָזאָ

אַהערצו!

עסטראַגאָן

ער רופט צו הילף.

װלאַדימיר

מיר זענען מער נישט אַליין. נישט מער אַליין צו וואַרטן — אויף נאַכט, צו וואַרטן — אויף גאָדאָ, צו וואַרטן און צו וואַרטן... דעם גאַנצן אָוונט האָבן מיר אַליין געקעמפט. דאָס איז איצט פאַרביי און אַ סוף! ס׳איז שוין אַזוי גוט ווי מאָרגן.

עסטראַגאָן

עס זענען דאָך בלויז דורכגייערס.

פּאָזאָ

אַהערצו!

וולאַדימיר

די צייט לויפט שוין גאַנץ אַנדערש. די זון וועט פאַרגיין. די לבנה וועט אויפגיין און מיר וועלן אַוועקגיין פון דאַנען.

עסטראַגאָן

זיי וועלן בלויז פאַרבייגיין.

וולאַדימיר

דאָס אַליין איז אויך שוין גענוג.

פּאָזאָ

דערבאַרעמען!

וולאַדימיר

אָרעמער פּאָזאָ.

עסטראַגאָן

כ׳האָב געוווּסט אַז ער איז עס.

וולאַדימיר

אַז ווער איז עס?

עסטראַגאָן

גאָדאָ.

וולאַדימיר

דאָס איז נישט גאָדאָ.

עסטראַגאָן

ס׳איז נישט גאָדאָ?

וולאַדימיר

ניין, ס׳איז נישט גאָדאָ.

עסטראַגאָן

ווער זשע דען איז עס?

וולאַדימיר

ס'איז פּאָזאָ.

פּאָזאָ

איך בין עס! איך בין עס. הייבט מיך אויף!

וולאַדימיר

ער קאָן נישט אויפשטיין.

עסטראַגאָן

קום, מיר גייען.

וולאַדימיר

מיר קאָנען נישט.

עסטראַגאָן

פאַר וואָס נישט?

וולאַדימיר

מיר וואַרטן אויף גאָדאָ.

עסטראַגאָן

אָ, יאָ.

וולאַדימיר

אפשר האָט ער נאָך אַ פּאָר ביינער פאַר דיינעטוועגן.

עסטראַגאָן

ביינער?

וולאַדימיר

פון הינדלער, דערמאָנסט זיך נישט?

עסטראַגאָן

דאָס איז ער?

וולאַדימיר

יאָ.

עסטראַגאָן

אַנו, פרעג אים.

וולאַדימיר

אפשר איז כדאַי אים פריִער צו העלפן?

עסטראַגאָן

מיט וואָס?

וולאַדימיר

ביים אויפשטיין.

עסטראַגאָן

ער קאָן נישט אויפשטיין?

וולאַדימיר

ער וויל אויפשטיין.

עסטראַגאָן

טאָ זאָל ער אויפשטיין.

וולאַדימיר

ער קאָן עס נישט.

עסטראַגאָן

וואָס איז אים דען?

וולאַדימיר

דאָס ווייס איך נישט.

(פּאָזאָ דרייט זיך ווי אַ שלאַנג, יאָמערט און שלאָגט מיט די פויסטן אין דער ערד)

עסטראַגאָן

אפשר וואָלטן מיר פריִער פאַרלאַנגט די ביינער. אויב ער וועט זיי נישט וועלן געבן וועלן מיר אים לאָזן ליגן.

וולאַדימיר

דו ווילסט זאָגן אַז ער איז אויף אונדזער גנאָד און רחמים אָנגעוויזן ?

עסטראַגאָן

יאָ.

וולאַדימיר

און אַז מיר זאָלן שטעלן באַדינגונגען מכוח אונדזער הילף?

עסטראַגאָן

יאָ.

וולאַדימיר

דאָס קלינגט באמת אינטעליגענט. איך האָב פאַר איין זאַך מורא...

עסטראַגאָן

פאַר וואָס ?

וולאַדימיר

אַז לאַקי זאָל זיך נישט נעמען צו דער אַרבעט. שיין וואָלטן מיר אויסגעזען.

עסטראַגאָן

לאַקי ?

וולאַדימיר

דאָס איז דאָך דער וואָס האָט דיך, נעכטן, אָנגעגריפן.

עסטראַגאָן

כ'האָב דיר דאָך געזאָגט אַז עס זענען געווען צען.

וולאַדימיר

ווייס איך וואָס ! איך מיין דעם וואָס האָט דיך אין פוס גע־קאָפּעט.

עסטראַגאָן

אוּן דער איז אויך דאָ?

וולאַדימיר

קוק אים דיר גוט אָן. (פּויזע)

אין דעם מאָמענט רירט ער זיך נישט. אָבער וואָס וועט זיין שפּעטער?

פּאָזאָ

העלפט!

עסטראַגאָן (ווייזנדיק אויף לאַקין)

אַנו, אפשר געבן מיר אים איצט אַ גוטע לעקציע?

וולאַדימיר

דו מיינסט אַז מיר זאָלן אים דערלאַנגען כל־זמן ער שלאָפט נאָך?

עסטראַגאָן

יאָ.

וולאַדימיר

ס'איז אַ גוטע אידעע, אָבער — זענען מיר דערצו אומשטאַנד? שלאָפט ער אויף אַן אמת? (פּויזע)

איך גלויב דאָס בעסטע וואָלט געווען אויסצונוצן דאָס וואָס פּאָזאָ בעט אונדזער הילף. מיר וועלן אים העלפן און דאַן קאָנען מיר רעכענען אויף זיין דאַנקבאַרקייט.

עסטראַגאָן

לויט ווי איך זע, פּאַרלאַנגט ער מער גאָרנישט.

וולאַדימיר

ער האָט, ווייזט אויס, פּאַרלוירן די האָפענונג אויף הילף.

עסטראַגאָן

דאָס איז מעגלעך, אָבער...

וולאַדימיר

זאָלן מיר די צייט נישט פאַרטאַכלעווען מיט בחינומדיקע פּלוידעררייען! (פּויזע. מיט קוראַזש)
מיר דאַרפן טאָן, אַזוי לאַנג ווי מיר האָבן די געלעגנ־הייט. אין אונדז נייטיקט מען זיך נישט יעדן טאָג. גוט באַ־טראַכט, נייטיקט מען זיך אויך איצט נישט דווקא אין אונדז. אַנדערע וואָלטן די זאַך פּונקט אַזוי גוט דערלייזדיקט, אפשר נאָך בעסער. דאָס איז אַ רוף נאָך הילף געווענדט צו דער גאַנצער מענטשהייט, אָבער — אין דער געגנט און אין דעם אויגנבליק זענען מיר „די מענטשהייט", צי דו ווילסט עס — צי נישט. דעריבער איז כדאַי אויסצונוצן די גע־לעגנהייט אין וועלכער אונדזער שלימזל האָט אונדז אַריינ־געפּאַקט און מיט ווירדע דעם מענטש צו פאַרטרעטן — וואָס זאָגסטו צו דעם אַלעמען?

עסטראַגאָן

כ'האָב זיך נישט צוגעהערט.

וולאַדימיר

אמת, דאָס שטיין מיט פאַרלייגטע הענט ביים געפאַר איז פּאַסיק פאַר אונדזער מין. דער טיגער איילט, ספּאָנטאַן, די זייניקע צו הילף אָדער ער ראַטעוועט זיך אַריין אין דעם טיפסטן דזשונגל. אָבער — נישט דאָס איז דאָס הויפּט־פּראָבלעם. וואָס טוען מיר דאָ? דאָס מוז מען זיך פרעגן: מיר ביידע האָבן דעם זכות דאָס צו וויסן. אין דער אומ־געהייערער פאַרפלאָנטערניש איז איין זאַך קלאָר: מיר וואַרטן אַז גאָדאָ זאָל קומען.

עסטראַגאָן

אָ, יאָ.

וולאַדימיר

אָדער אַז די נאַכט זאָל צופאַלן. (פּויזע)
זענען מיר דאָ, אַזוי ווי מען האָט אָפּגערעדט. דאָס איז אַלץ. מיר זענען נישט קיין הייליקע. אָבער מיר זענען דאָ, ווייל אַזוי האָט מען אָפּגעשמועסט. וויפל מענטשן קאָנען דערמיט שטאָלצירן?

עסטראַגאָן

מיליאָנען.

וולאַדימיר

אַזוי מיינסטו?

עסטראַגאָן

איך ווייס עס נישט גענוי.

וולאַדימיר

מעגלעך.

פּאָזאָ

העלפט!

וולאַדימיר

אַ פאַקט איז, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען ציט זיך די צייט ווי דאָס גלות און צווינגט אונדז אויסצופילן זי מיט טעטיקייטן, וועלכע זעען אויס ביים ערשטן אָנבליק לאָגישע... אָבער מיר האָבן זיך צו זיי שוין צוגעוווינט. (פּויזע)
דו וועסט אַוודאי זאָגן אַז דאָס אַלץ געשעט, בכדי מיר זאָלן אונדזער פאַרשטאַנד קעגן פאַרטונקעלונג באַשיצן. ס'קאָן זיין — אָבער — וואָגלט ער נישט **שוין** אין דער אין־סופיקער טיפעניש פון אַן אייביקער נאַכט? דאָס פרעג איך זיך טייל מאָל. — דו קאָנסט מיטגיין מיט מיינע געדאַנקען?

עסטראַגאָן

מיר ווערן אַלע משוגע געבוירן. אַ טייל פון אונדז בלייבט אַזוי.

פּאָזאָ

העלפט! איך וועל אייך געבן געלט!

עסטראַגאָן

וויפל?

פּאָזאָ

אַ מאַרק.

עסטראַגאָן

ס'איז צו ווייניק.

וולאַדימיר

אַזוי ווייט וואָלט איך נישט געגאַנגען.

עסטראַגאָן

דו מיינסט אַז ס'איז גענוג?

וולאַדימיר

ניין, איך מיין אַז איך וואָלט נישט אַזוי ווייט געגאַנגען צו קלערן אַז איך בין מיט ו ו י י כ ע ג ע ה י ר ן אויף דער וועלט געקומען — אַלנפאַלס נישט דאָ ליגט דאָס פּראָבלעם.

פּאָזאָ

צוויי מאַרק.

וולאַדימיר

מיר וואַרטן. מיר לאַנגווייליקן זיך.

(ער הייבט אויף אַ האַנט)

ניין, רעד מיר נישט אַנטקעגן. מיר לאַנגווייליקן זיך צום טויט; דאָס איז אַ פאַקט. גוט. עס באַווייזט זיך אַ נייע אָפּ־

ווייכונג און וואָס טוען מיר? מיר ניצן זי נישט אויס! ריר זיך! צו דער אַרבעט!

(ער גייט צו צו פּאָזאָ און בלייבט שטיין)

אין פאַרלויף פון איין רגע וועט זיך דאָס אַלץ אויפלייזן, און מיר וועלן ווידער בלייבן אַליין. אַליין אין דער מיט פון דער איינזאַמקייט.

פּאָזאָ

צוויי מאַרק.

וולאַדימיר

מיר קומען גלייך

(ער פּרוווט פּאָזאָן אויפהייבן. עס געלינגט אים נישט. ער באַמיט זיך נאָך אַמאָל, פאַרטשעפּעט זיך אינעם געפּעק, פאַלט אַנידער. עס געלינגט אים נישט זיך אויפצושטעלן)

עסטראַגאָן

וואָס טוט זיך דאָ מיט אייך אַלע?

וולאַדימיר

העלף!

עסטראַגאָן

איך גיי אַוועק.

וולאַדימיר

לאָז מיך נישט אַליין. זיי וועלן מיך אומברענגען.

פּאָזאָ

ווו בין איך?

וולאַדימיר

גאָגאָ!

פּאָזאָ

אהערצו!

וולאַדימיר

העלף מיר!

עסטראַגאָן

איך גיי אַוועק.

וולאַדימיר

העלף מיר, וועלן מיר צוזאַמען גיין.

עסטראַגאָן

זאָגסט עס מיר צו?

וולאַדימיר

איך שווער עס דיר.

עסטראַגאָן

און מיר וועלן קיין מאָל מער נישט אַהער צוריקקומען?

וולאַדימיר

קיין מאָל נישט.

עסטראַגאָן

און מיר וועלן גיין קיין א ו מ ס ל אַ נ ד?

וולאַדימיר

וואָהין דו וועסט וועלן.

פּאָזאָ

דריי מאַרק. פיר מאַרק.

עסטראַגאָן

פון שטענדיק אָן איז געווען מיין ווונטש צו וואַנדערן אין א ו מ ס ל אַ נ ד.

וולאַדימיר

דו וועסט דאָרט וואַנדערן.

עסטראַגאָן

ווער שיסט דאָ אַזוי?

וולאַדימיר

פּאָזאָ דערלויבט עס זיך!

פּאָזאָ

איך בין עס, איך בין עס! האָט רחמנות!

עסטראַגאָן

צו אַלדע רוחות!

וולאַדימיר

אַנו, ריר זיך, דערלאַנג מיר דיין האַנט!

עסטראַגאָן

איך גיי. (פּויזע. עסטראַגאָן העכער)

איך גיי אַוועק..

וולאַדימיר

סוף כל סוף וועל איך אַליין אויך אויפשטיין

(ער פּראָבירט אויפצושטיין און פאַלט ווידער צוריק)

פריִער אָדער שפּעטער...

עסטראַגאָן

וואָס טוט זיך דאָ מיט דיר?

וולאַדימיר

טראָג זיך אָפּ!

עסטראַגאָן

דו בלייבסט דאָ?

וולאַדימיר

דערווייל.

עסטראַגאָן

שטיי אויף, דו וועסט זיך נאָך פאַרקילן.

וולאַדימיר

זאָרג זיך נישט וועגן מיר.

עסטראַגאָן

הער, דידי, זיי נישט אַזוי פאַרעקשנט.

(ער שטרעקט אים אויס אַ האַנט. וולאַדימיר כאַפּט זי האַסטיק)

קום שוין, שטיי אויף!

וולאַדימיר

צי!

(עסטראַגאָן ציט, פאַרטשעפּעט זיך און פאַלט אויף אַנידער. אַ לאַנגע פּויזע)

פּאָזאָ

אַהערצו!

וולאַדימיר

מיר זענען שוין דאָ.

פּאָזאָ

ווער זענט איר?

וולאַדימיר

מיר זענען מענטשן. (שווייגן)

עסטראַגאָן

מען איז גוט באַהיט ביי דער מאַמע ערד.

וולאַדימיר

קאָנסטו אויפשטיין?

עסטראַגאָן

איך ווייס עס נישט.

וולאַדימיר

פּראָביר.

עסטראַגאָן

וואַרט אַ ביסל. אייל זיך נישט. (שווייגן)

פּאָזאָ

וואָס איז דען געשען?

וולאַדימיר (הויך)

וועסט צומאַכן דאָס מויל צי ניין? דו פֿאַרשלעפּטע קרענק!
ער קלערט נאָר פֿאַר זיך!

עסטראַגאָן

דערווייל וואָלטן מיר געקאָנט כאַפּן אַ דרימל.

וולאַדימיר

האָסט עס געהערט? ער וויל גענוי וויסן וואָס דאָ איז געשען!

עסטראַגאָן

לאָז אים צורו, שלאָף! (שטילקייט)

פּאָזאָ

האָט רחמנות, האָט רחמנות.

עסטראַגאָן (דערשראָקן)

וואָס? וואָס טוט זיך דאָ?

וולאַדימיר

ביסט געשלאָפֿן.

עסטראַגאָן

ס'ווייזט אויס.

וולאַדימיר

ס'איז ווידער דער פֿאַרשיווער פּאָזאָ, ער שרייט עס.

עסטראַגאָן

זאָל ער האַלטן דאָס מויל! דערלאַנג אים אין פּיסק אַריין!

וולאַדימיר (קאָפּעט פּאָזאָן אַ פּאָר מאָל)

איצט האָסטו גענוג? שטיל זאָל זיין, דו וואָרעם דו!

(פּאָזאָ באַפרייט זיך אונטערן ווײ־געשריי פֿונעם מענטשן־קנויל און קריכט ווייטער אַוועק. פֿון צייט צו צייט הערט ער אויף קריכן. שטרעקט אויס די הענט זוכנדיק, ווי בלינדע, און רופט לאַקין. וולאַדימיר שטיצט זיך אויף די עלנבויגנס און קוקט אים נאָך)

ער האָט זיך אָפּגעטראָגן. (פּאַזאָ פּאַלט צוזאַמען. שווייגן)

ער איז אַוועקגעפאַלן. (פויזע)

עסטראַגאָן

ער האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן ?

וולאַדימיר

ניין.

עסטראַגאָן

דו האָסט דאָך געזאָגט אַז ער איז אַוועקגעפאַלן.

וולאַדימיר

ער האָט זיך געהאַט געשטיצט אויף די הענט.

(שווייגן)

אפשר זענען מיר געווען אַ ביסל צו שטרענג צו אים ?

עסטראַגאָן

אַזוי ווייט זענען מיר נאָך קיין מאָל נישט געגאַנגען.

וולאַדימיר

ער האָט געבעטן אונדזער הילף און מיר האָבן זיך געמאַכט נישט הערנדיק, און ווען ער האָט נאָך אַ מאָל געבעטן — האָבן מיר אים געשלאָגן.

עסטראַגאָן

יאָ, אַזוי איז עס געשען.

וולאַדימיר

ער רירט זיך נישט מער. אפשר איז ער גאָר טויט ?

עסטראַגאָן

נאָר ווייל מיר האָבן אים געוואָלט העלפן, זענען מיר איצט אין דער בלאָטע.

וולאַדימיר

יאָ, אַזוי איז עס.

עסטראַגאָן

האָסט נישט צו שטאַרק געשלאָגן ?

וולאַדימיר

כ׳האָב אים דערלאַנגט אַ פּאָר פעסטע קלעפּ.

עסטראַגאָן

דו האָסט עס נישט געדאַרפט טאָן.

וולאַדימיר

דו האָסט עס מיר אַליין געהייסן.

עסטראַגאָן

דאָס איז אמת. (פויזע)

וואָס זאָלן מיר איצט טאָן ?

וולאַדימיר

איך וואָלט אפשר געקאָנט אַהין צוקריכן ?

עסטראַגאָן

ניין, לאָז מיך נישט אַליין.

וולאַדימיר

אפשר רופן מיר אים פון דאַנען ?

עסטראַגאָן

יאָ, רוף אים.

וולאַדימיר

פּאָזאָ ! (פויזע)

פּאָזאָ ! (פויזע)

ער ענטפערט נישט.

עסטראַגאָן

מיר וועלן צוזאַמען רופן.

וולאַדימיר און עסטראַגאָן

פּאָזאָ ! פּאָזאָ !

וולאַדימיר

ער האָט זיך גערירט.

עסטראַגאָן

ביסט זיכער אַז ער הייסט פּאָזאָ?

וולאַדימיר (אומרויִק)

הער פּאָזאָ! קום צוריק, מיר וועלן דיר גאָרנישט טאָן!

(שווייגן)

עסטראַגאָן

אפשר פּראָבירן מיר מיט אַנדערע נעמען?

וולאַדימיר

כ'האָב מורא אַז ער איז גוט צעשלאָגן.

עסטראַגאָן

דאָס וואָלט געווען אַ שיינע געשיכטע!

וולאַדימיר

וואָס וואָלט געווען אַ שיינע געשיכטע?

עסטראַגאָן

צו פּראָבירן מיט אַנדערע נעמען. דאָס פאַרטרייבט די צייט. מיר וואָלטן זיך סוף כל סוף דערוווּסט זיין ריכטיקן נאָמען.

וולאַדימיר

און איך זאָג דיר אַז ער הייסט פּאָזאָ.

עסטראַגאָן

דאָס וועט זיך באַלד אַרויסווייזן. (ער קלערט נאָך)

הבל! הבל!

פּאָזאָ

אַהערצו!

עסטראַגאָן

דו זעסט ?

וולאַדימיר

איך האָב באַלד געגוג פון דער גאַנצער מעשה.

עסטראַגאָן

אפשר הייסט דער אַנדערער קין.

(ער רופט) קין ! קין !

פּאָזאָ

אַהערצו !

עסטראַגאָן

ער איז, ווייזט אויס, אַליין די גאַנצע מענטשהייט.

(שווייגן)

זע נאָר דאָרט אויבן, דאָס קליינע כמאַרעלע !

וולאַדימיר (קוקט אַרויף)

וווּ ?

עסטראַגאָן

דאָרט, ביים האָריזאָנט.

וולאַדימיר

נו, און ? (פּויזע)

זעסט עפּעס באַזונדערס אין אים ? (שווייגן)

עסטראַגאָן

איצט וואָלט מען געדאַרפט צו עפּעס אַן אַנדערן ענין אַרי־בערגיין.

וולאַדימיר

כ׳האָב עס דיר גראָד געוואָלט פאָרלייגן.

עסטראַגאָן

אָבער צו וואָס ? דאָס איז די פראַגע.

וולאַדימיר

אַזוי איז עס. (שווייגן)

עסטראַגאָן

אפשר שטייען מיר קודם אויף?

וולאַדימיר

מיר קאָנען מינדסטנס פּראָבירן. (זיי שטייען אויף)

עסטראַגאָן

ס'איז די לייכטסטע זאַך.

וולאַדימיר

ווערלן — דאָס איז אַלץ!

עסטראַגאָן

און איצט?

פּאָזאָ

העלפּט!

עסטראַגאָן

קום, מיר גייען.

וולאַדימיר

מיר קאָנען נישט.

עסטראַגאָן

פאַר וואָס נישט?

וולאַדימיר

מיר וואַרטן אויף גאָדאָ.

עסטראַגאָן

אָ, יאָ. (פּויזע)

וואָס זאָל מען טאָן?

פּאָזאָ

העלפּט!

וולאַדימיר

אפשר העלפן מיר אים ?

עסטראַגאָן

ער דאַרף אונדזער הילף ?

וולאַדימיר

ער וויל אויפשטיין.

עסטראַגאָן

נו ?

וולאַדימיר

ער וויל אַז מיר זאָלן אים העלפן אויפשטיין.

עסטראַגאָן

אויב אַזוי, העלפן מיר אים ! אויף וואָס וואַרטן מיר ?

(זיי העלפן פּאָזאָן ביים אויפשטיין און לאָזן אים אָפּ. פּאָזאָ פאַלט באַלד אַנידער)

וולאַדימיר

מען מוז אים שטיצן.

(זיי הייבן אים נאָך אַ מאָל אויף. פּאָזאָ האַלט זיך, הענגענדיק אַרום זייערע העלדזער)

ער מוז זיך ווידער צוגעוווינען צו דער לאַגע.

(צו פּאָזאָן)

אָפּגעזען פון דעם אַלעמען — ווי אַזוי פילט איר זיך ?

פּאָזאָ

ווער זענט איר ?

וולאַדימיר

איר דערקענט אונדז נישט ?

פּאָזאָ

איך בין בלינד.

(שווייגן)

עסטראַגאָן

אויב אַזוי איז ער אפשר נביאיש?

וולאַדימיר (צו פּאָזאָ)

זייט ווען?

פּאָזאָ

איך האָב וווּנדערלעך גוט געזען. איר זענט פריינד?

עסטראַגאָן (לאַכט הילכיק)

ער פרעגט צי מיר זענען פריינד!

וולאַדימיר

ער מיינט פריינד פון אים.

עסטראַגאָן

נו, ובכן?

וולאַדימיר

דער פאַקט וואָס מיר העלפן אים, איז אַ גוטער באַווייז דערצו — נישט אַזוי?

עסטראַגאָן

ריכטיק — וואָלטן מיר אים געהאָלפן ווען מיר וואָלטן נישט געווען זיינע פריינד?

וולאַדימיר

אפשר.

עסטראַגאָן

קלאָר.

וולאַדימיר

זאָלן מיר זיך ווענן דעם נישט אַמפּערן.

פּאָזאָ

איך האָף אַז איר זענט נישט קיין רויבערס.

עסטראַגאָן

רויבערס? מיר זעען אויס ווי רויבערס?!

וולאַדימיר

נו, הער שוין אויף! ער איז דאָך בלינד!

עסטראַגאָן

אָ, יאָ. (פויזע) אַזוי זאָגט ער.

פאָזאָ

לאָזט מיך נישט אַליין.

וולאַדימיר

עס קומט נישט אין באַטראַכט.

עסטראַגאָן

דערווייל נישט.

פאָזאָ

ווי שפּעט קאָן איצט זיין?

עסטראַגאָן (קוקט פאַרשנדיק אַרויף צום הימל)

מיר וועלן באַלד זען...

וולאַדימיר

זיבן אַ זייגער... אַכט אַ זייגער...

עסטראַגאָן

ס'איז לויט דער צייט פונעם יאָרגאַנג...

פאָזאָ

ס'איז שוין פאַרנאַכט־צו?

(שווייגן. וולאַדימיר און עסטראַגאָן קוקן קיין מערב)

עסטראַגאָן

מען וואָלט געקאָנט זאָגן אַז זי קומט ווידער אויף.

וולאַדימיר

אוממעגלעך! דער אַרום זעט נישט אויס ווי אין קאַיאָר.

עסטראַגאָן

דער אַרום זעט נישט אויס ווי דאָס גרייטן זיך אויף טאָג?

וולאַדימיר

רעד נישט קיין נאַרישקייטן. דאָרט איז מערב!

עסטראַגאָן

פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ אַזוי גענוי?

פּאָזאָ (דערשראָקן)

ס׳איז שוין אָוונט־צייט?

וולאַדימיר

זי האָט זיך נישט באַוועגט.

עסטראַגאָן

און איך זאָג דיר אַז זי קומט אויף.

פּאָזאָ

פאַר וואָס ענטפערט איר נישט?

עסטראַגאָן

ווייל מיר ווילן אייך נישט איינרעדן קיין אומזין.

וולאַדימיר (מיט פעסטקייט)

מיין הער, מיר זענען דערגאַנגען צום אָוונט. מיין פריינד האָט מיך געוואָלט אַריינטרייבן אין צווייפלענישן און איך מוז צוגעבן אַז איך האָב זיך אַ ווײַלע געוואַקלט, אָבער — כ׳האָב נישט אומזיסט דעם לאַנגן טאָג דורכגעקעמפט. איצט קאָן איך אייך פאַרזיכערן אַז זיין פּראָגראַם איז באַלד אויסגעשפּילט. (פּויזע)

נו, און אַחוץ דעם אַלעמען — ווי אַזוי פילט איר זיך?

עסטראַגאָן

ווי לאַנג וועלן מיר זיך נאָך מיט אים אַזוי אַרומשלעפּן.

(זיי לאָזן אים אָפּ, האַלטן אים אָבער ווידער אונטער, ווייל ער פאַלט שיר־נישט אום)

וואָס, מיר זענען עפּעס די קאַריאַטידן? *

וולאַדימיר

איר האָט געזאָגט אַז איר האָט פריִער גוט געזען, אויב איך האָב גוט געהערט?

פּאָזאָ

יאָ, זייער גוט. (שווייגן)

עסטראַגאָן (אומגעדולדיק)

נו, ווייטער, ווייטער! דערציילט שוין!

וולאַדימיר

לאָז אים צורו. זעסט נישט אַז ער האַלט זיך דערבײַ זײַן פאַרגאַנגענהייט נישט צו דערמאָנען. (פּויזע)

Memoria praeteritorum honorum עס מוז זײַן שרעקלעך.

פּאָזאָ

יאָ, ווונדערבאַרע אויגן.

וולאַדימיר

ס'איז מיט אַ מאָל געשען?

פּאָזאָ

ווונדערבאַרע!

וולאַדימיר

איך פרעג אײַך צי עס איז פּלוצלינג געשען?

פּאָזאָ

אין אַ שיינעם טאָג האָב איך דערוואַכט אַ בלינדער. בלינד ווי דער שיקזאַל. (פּויזע)

כ'פרעג זיך טייל מאָל צי איך שלאָף נישט נאָך אַלץ?

* קאַריאַטידן — הויכע מיידלעך וואָס זענען געווען, לויט דער גריכישער לעגענדע, פאַרמשפּט אונטערצוהאַלטן אַ דאַך. מען קאָן זייערע סטאַטועס נאָך זען אויף דער אַקראָפּאָליע, אין אַטען.

וולאַדימיר

וועמן האָט דאָס פּאַסירט?

פּאָזאָ

איך ווייס עס נישט.

וולאַדימיר

אָבער נישט פריער פון נעכטן?

פּאָזאָ

פרעגט מיך נישט אויס. בלינדע האָבן נישט קיין חוש פאַר צייט. (פּויזע)

די סימנים פון דער צייט פילן זיי אויך נישט.

וולאַדימיר

אַזוי גאָר! כ'וואָלט געשווירן אַז פאַרקערט...

עסטראַגאָן

איצט גיי איך.

פּאָזאָ

וווּ געפינען מיר זיך?

וולאַדימיר

איך ווייס עס נישט.

פּאָזאָ

נישט אויף דער אַזוי גערופענער פלאַנקע?

וולאַדימיר

אַזאַ אָרט קען איך נישט.

פּאָזאָ

ווי אַזוי זעט עס דאָ אויס?

וולאַדימיר (קוקט זיך אַרום)

מען קאָן עס נישט באַשרייבן. עס זעט נאָר גאָרנישט אויס — דאָ איז פּוסט. פאַראַן דאָ אַ בוים.

פּאָזאָ

אויב אַזוי איז עס נישט די פּלאַנקע.

(עס בייגן זיך אים די קני)

עסטראַגאָן

ביי דיר הייסט דאָס צעשטרייונג?

פּאָזאָ

ווו איז מיין דינער?

וולאַדימיר

דאָ ליגט ער.

פּאָזאָ

פאַר וואָס ענטפערט ער נישט, אַז איך רוף אים?

וולאַדימיר

כ'ווייס נישט פאַר וואָס. עס זעט אויס גלייך ווי ער וואָלט געשלאָפן... אפשר איז ער גאָר טויט.

פּאָזאָ

וואָס האָט דאָ, אין תוך, פּאַסירט?

עסטראַגאָן (מיט איראָניע)

אין תוך פּאַסירט...

וולאַדימיר

איר זענט,ביידע, אומגעפאַלן.

פּאָזאָ

טוט אַ קוק צי ער איז נישט פאַרוווּנדעט.

וולאַדימיר

מיר קאָנען דאָך אייך נישט אַפּלאָזן.

פּאָזאָ

איר מוזט דאָך נישט ביידע אַוועקגיין.

וולאַדימיר (צו עסטראַגאָן)

גיי דו.

פּאָזאָ

יאָ, יאָ. אייער פריינד זאָל גיין. עס פילט זיך פון אים.

וולאַדימיר

גיי, וועק אים אויף.

עסטראַגאָן

נאָך דעם וואָס ער האָט מיר געטאָן? קיין מאָל אין לעבן נישט!

וולאַדימיר

דו דערמאָנסט זיך אַז ער האָט דיך אָנגעגריפן?

עסטראַגאָן

איך דערמאָן זיך אָן גאָרנישט. דו האָסט עס געזאָגט.

וולאַדימיר

דאָס שטימט.

(צו פּאָזאָן) מיין פריינד שרעקט זיך.

פּאָזאָ

ער האָט זיך נישט פאַר וואָס צו שרעקן.

וולאַדימיר (צו עסטראַגאָן)

ווּ זענען די אַלע מענטשן, וועלכע דו האָסט פריִער געזען אַהינגעקומען?

עסטראַגאָן

איך ווייס עס נישט.

וולאַדימיר

אפשר האָבן זיי זיך באַהאַלטן און שפּיאָנירן אונדז אויס?

עסטראַגאָן

ס'קאָן געמאָלט זיין.

וולאַדימיר

אָדער זיי האָבן זיך גאַנץ פּשוט אָוועקגעזעצט —

עסטראַגאָן

קאָן אויך זיין.

וולאַדימיר

זיך אָפּצורוען.

עסטראַגאָן

זיך דורכצושמועסן.

וולאַדימיר

אפשר זענען זיי צוריקגעגאַנגען?

עסטראַגאָן

אויך מעגלעך —

וולאַדימיר

ס'קאָן אויך זיין אַז ס'איז בלויז געווען אַ וויזיע.

עסטראַגאָן

אַן אילוזיע.

וולאַדימיר

אַ האַלוצינאַציע.

עסטראַגאָן

אַן אילוזיע.

פּאַוזע

אויף וואָס וואַרט ער?

וולאַדימיר

אויף וואָס וואַרטסטו?

עסטראַגאָן

איך וואַרט אויף גאָדאָ.

וולאַדימיר (צו פּאָזאָ)

ס'איז אַזוי ווי איך זאָג אייך. מיין פריינד שרעקט זיך. אייער דינער האָט אים נעבכן דערלאַנגט, דערפאַר וואָס ער האָט אים בלויז געוואָלט די טרערן אָפּווישן.

פּאָזאָ

אָ! מיט דעם עולם טאָר מען נישט זיין פריינטלעך. זיי פאַרשטייען דאָס נישט.

וולאַדימיר

וואָס זאָל ער איצט מיט אים טאָן?

פּאָזאָ

קודם כל זאָל ער דעם שטריק צי׳ען. פאַרשטייט זיך, אַז ער דאַרף אַכטונג געבן ער זאָל אים נישט דערשטיקן. בדרך כלל רעאַגירט ער דערויף, אויב אָבער נישט, זאָל ער אים אויסטיילן אַ פּאָר קלעפּ אינעם אונטערלייב און אין פּנים אַריין.

וולאַדימיר (צו עסטראַגאָן)

זעסט, דו האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן. דו קאָנסט זיך איצט אין אים נוקם זיין.

עסטראַגאָן

און אַז ער וועט זיך קעגנשטעלן?

פּאָזאָ

ניין, ניין, ער ווערט זיך קיין מאָל נישט...

וולאַדימיר

איך וועל זיך איילן דיר צו הילף.

עסטראַגאָן

נעם נישט אַראָפּ די אויגן פון מיר.

(ער גייט צו צו לאַקין)

זע קודם, צי ער לעבט נאָך. עס האָט נישט קיין צוועק זיך
צו באַמיִען אויב ער איז שוין טויט.

עסטראַגאָן

(בייגט זיך אַראָפּ צו לאַקין)

ער אָטעמט נאָך.

וולאַדימיר

אויב אַזוי נעם זיך צו דער אַרבעט!

(עסטראַגאָן דריגעט אָן רחמנות מיטן פוס לאַקין, ער טוט זיך
אָבער אַליין וויי און גייט הינקענדיק און קרעכצנדיק אַוועק.
לאַקי קומט צו זיך)

עסטראַגאָן (בלייבט שטיין אויף איין פוס)

אַזאַ חזיר!

(ער זעצט זיך אַנידער און פּראָבירט אויסצוטון דעם שוך. עס
געלינגט אים נישט. ער לייגט דעם קאָפּ אויף זיינע קני און
האַלט די אָרעמס אַרום דעם קאָפּ)

פּאָזאָ

וואָס איז שוין ווידער געשען?

וולאַדימיר

מיין פריינד האָט זיך דעם פוס צעקלאַפּט.

פּאָזאָ

און לאַקי?

וולאַדימיר

ס'איז לאַקי?

פּאָזאָ

ווי אַזוי, ביטע?

וולאַדימיר

ס'איז לאַקי?

פּאָזאָ

איך פאַרשטיי נישט.

וולאַדימיר

און איר זענט פּאָזאָ ?

פּאָזאָ

געוויס. איך בין פּאָזאָ..

וולאַדימיר

דער זעלבער פון נעכטן ?

פּאָזאָ

פון נעכטן ?

וולאַדימיר

מיר האָבן זיך נעכטן געזען. (שווייגן)
איר דערמאָנט זיך נישט ?

פּאָזאָ

איך דערמאָן זיך נישט אַז איך האָב נעכטן עמעצן געזען. מאָרגן וועל איך זיך נישט דערמאָנען אַז איך האָב היינט מיט עמעצן גערעדט. פאַרלאָזט זיך נישט אויף מיין זכרון אויב איר נייטיקט זיך אין אַן אויסקונפט — און איצט גענוג וועגן דעם. (צו לאַקין)
שטיי אויף !

וולאַדימיר

איר האָט אים געפירט צום סאַלוואַטאָרע־מאַרק, צום פאַר־קויפן. איר האָט מיט אונדז גערעדט. ער האָט געטאַנצט. ער האָט געקלערט. איר האָט נאָך גוט געזען...

פּאָזאָ

אפשר, אויב איר באַשטייט דערויף, איצט לאָזט מיר, ביטע אָפּ.

(וולאַדימיר גייט אָפּ אין אַ זייט. פּאָזאָ צו דער שטעלע ווו ער גלייבט אַז לאַקי ליגט)

שטיי אויף!

וולאַדימיר

ער שטייט שוין אויף.

(לאַקי שטייט אויף און הייבט אויף זיין געפּעק)

פּאָזאָ

אויב אַזוי איז גוט.

וולאַדימיר

וואוהין גייט איר איצט?

פּאָזאָ

וועגן דעם אינטערעסיר איך זיך בכלל נישט.

וולאַדימיר

איר האָט זיך שטאַרק פאַרענדערט!

(לאַקי שטעלט זיך, באַלאַדן, פאַר פּאָזאָן)

פּאָזאָ

די בייטש!

(לאַקי שטעלט דאָס געפּעק אַנידער, געפינט די בייטש און גיט זי פּאָזאָן אין האַנט אַריין. ער נעמט ווידער אויף דאָס געפּעק)

שטריק!

לאַקי שטעלט אַוועק דאָס געפּעק, לייגט דעם עק פונעם שטריק אין פּאָזאָס האַנט און נעמט אויף דאָס געפּעק)

וולאַדימיר

וואָס האָט איר אין דעם רענצל?

פּאָזאָ

זאַמד. (ער ציט דעם שטריק)

פאָרויס!

(לאַקי באַוועגט זיך, פּאָזאָ גייט אים נאָך)

וולאַדימיר

אַ מינוט!

(פּאָזאָ בלייבט שטיין. דער שטריק שפּאַנט זיך. לאַקי פאַלט און לאָזט אַלץ פאַלן. פּאָזאָ וואַקלט זיך. ער לאָזט אָפּ דעם שטריק און וולאַדימיר האַלט אים אונטער)

פּאָזאָ

וואָס איז געשען?

וולאַדימיר

ער איז געפאַלן.

פּאָזאָ

העלפט אים אויפשטיין. ער וועט אַנטשלאָפן ווערן.

וולאַדימיר

איר וועט נישט אומפאַלן אָן מיין שטיצע?

פּאָזאָ

איך גלייב, אַז ניין.

(וולאַדימיר דערלאַנגט לאַקין)

וולאַדימיר

שטיי אויף, חזיר!

(לאַקי שטייט אויף און נעמט זיין געפּעק אויף. צו פּאָזאָן)

ער איז אויפגעשטאַנען.

פּאָזאָ (שטרעקט אויס די האַנט)

דעם שטריק!

(לאַקי שטעלט אַוועק זיין געפּעק, לייגט דעם שטריק אין פּאָזאָס האַנט און נעמט ווידער אויף דאָס געפּעק)

וולאַדימיר

גייט נאָך נישט אַוועק.

פּאָזאָ

איך גיי.

וולאַדימיר

וואָס טוט איר, אַז איר פאַלט־אום און ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל אייך העלפן?

פאָזאָ

מיר וואַרטן ביז מיר קאָנען ווידער אויפשטיין און ווייטער גיין.

וולאַדימיר

איידער איר גייט אַוועק, הייסט אים זינגען.

פאָזאָ

וועמען?

וולאַדימיר

לאַקין.

פאָזאָ

ער זאָל זינגען?

וולאַדימיר

יאָ, אָדער קלערן אויפן קול, אָדער רעציטירן.

פאָזאָ

ער איז דאָך שטום.

וולאַדימיר

שטום...

פאָזאָ

ווי די וואַנט. ער קאָן אַפילו נישט קרעכצן.

וולאַדימיר

שטום — זייט ווען?

פאָזאָ (פלוצלינג ווילד)

איר וועט, ענדלער, אויפהערן מיך משוגע צו מאַכן מיט אייער פאַרשאָלטענער צייט? עס איז אומדערהערט! ווען?

ווען? — אין אַ שיינעם טאָג! איז דאָס אייך נישט גענוג? — אין אַ שיינעם טאָג איז ער שטום געוואָרן, אין אַ שיינעם טאָג בין איך בלינד געוואָרן, אין אַ שיינעם טאָג ווערן מיר טויב, ווערן מיר געבוירן, שטאַרבן מיר: אין דעם זעלבן טאָג, אין דעם זעלבן אויגנבליק! דאָס איז אייך נישט גענוג? (מער נאָכדענקלעך)
זיי גייען צו קינד איבער דעם קבר — דער טאָג צע־שטראַלט זיך אויף אַן אויגנבליק — און ס׳ווערט ווידער נאַכט. (ער ציט דעם שטריק) היידאַ! פאָרויס!

(זיי לאָזן זיך אין וועג אַריין. וולאַדימיר גייט זיי נאָך ביז צום סוף פון דער סצענע. ער קוקט זיי נאָך. דאָס גערויש פון אַ פאַל, באַטאָנט דורך וולאַדימירס מימיק. שווייגן. וולאַדימיר גייט צו דעם שלאָפנדיקן עסטראַגאָן, באַטראַכט אים און וועקט אים אויף)

עסטראַגאָן

(דערוואַכט מיט דערשראָקענע באַוועגונגען און רעדט נישט קיין גלייכע רייד)

פאַר וואָס לאָזט מיך קיין מאָל רויִק נישט שלאָפן?

וולאַדימיר

איך פיל זיך פאַראייִנזאַמט.

עסטראַגאָן

כ׳האָב געחלומט אַז איך בין גליקלעך...

וולאַדימיר

אַזוי איז די צייט פאַרגאַנגען.

עסטראַגאָן

איך האָב געחלומט אַז...

וולאַדימיר

זיי שטיל! (שווייגן)
איז ער טאַקע באמת בלינד?

עסטראַגאָן

ווער ?

וולאַדימיר

וואָלט אַ בלינדער געזאָגט אַז ער האָט נישט קיין חוש פאַר צייט ?

עסטראַגאָן

ווער ?

וולאַדימיר

פּאָזאָ.

עסטראַגאָן

ער איז בלינד ?

וולאַדימיר

אַזוי האָט ער געזאָגט.

עסטראַגאָן

נו, און ?

וולאַדימיר

מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער זעט אונדז.

עסטראַגאָן

ס'האָט זיך דיר געחלומט. (פּויזע)

קום לאָמיר גיין. אַה! מיר קאָנען נישט — אָ, יאָ. (פּויזע)

ביסט זיכער אַז ס'איז נישט געווען דער דאָזיקער ?

וולאַדימיר

ווער ?

עסטראַגאָן

גאָדאָ ?

וולאַדימיר

ווער איז געווען גאָדאָ ?

עסטראַגאָן

פּאָזאָ.

וולאַדימיר

ווייס איך וואָס, (פּויזע)

ווייס איך וואָס!

עסטראַגאָן

איצט שטיי איך אָבער שוין אויף!

(ער שטייט אויף מיט מי)

אוי!

וולאַדימיר

איך ווייס נישט מער וואָס צו קלערן...

עסטראַגאָן

מיינע פיס!

(ער זעצט זיך ווידער אַנידער און פּראָבירט אַראָפּציִען די שיך)

העלף מיר!

וולאַדימיר

בין איך געשלאָפן בעת די אַנדערע האָבן געליטן? שלאָף איך איצט? און ווען איך וועל מאָרגן מיינען אַז כ׳בין דערוואַכט, וואָס וועל איך פונעם היינטיקן טאָג דערציילן? אַז כ׳האָב צוזאַמען מיט מיין פריינד עסטראַגאָן, דאָ, אויף דער שטעלע, ביז אין דער נאַכט אַריין אויף גאָדאָ געוואַרט? אַז פּאָזאָ איז מיט זיין טרעגער דורכגעגאַנגען און האָט מיט אונדז גערעדט? — וואַרשיינלעך, אָבער — וואָס וועט פון דעם אַלעמען זיין אמת?

(עסטראַגאָן באַמיט זיך אומזיסט די שיך אַראָפּצוציִען און ווערט ווידער אַנטשלאָפן. וולאַדימיר קוקט אים אָן)

ער וועט בכלל גאָרנישט געדענקען. ער וועט רעדן וועגן די

קלעפּ וואָס ער האָט באַקומען און איך וועל אים אַ מייערל געבן. (פויזע)

רייטנדיק איבערן קבר איז יעדע געבורט אַ שווערע. פון דער טיפעניש לייגט דער טויטנגרעבער אַוועק די צוואַנגען, גלייך נישט אים מיינט מען — מען געווינט צייט אַלט צו ווערן. די לופט איז פול מיט אונדזערע געשרייען,

(ער האָרכט זיך איין)

אָבער — די געוווינהייט איז אַ מעכטיקער פאַרטויבער.

(ער באַטראַכט עסטראַגאָנען)

אויך מיך באַטראַכט עמעצער און זאָגט זיך: ער שלאָפט. ער ווייסט פון גאָרנישט. מיר וועלן אים לאָזן שלאָפן.

(פויזע)

עס קאָן אַזוי ווייטער נישט גיין! (פויזע)

וואָס האָב איך געהאַט געזאָגט?

(אַן אויפגערעגטער גייט ער אויף און אָפּ, בלייבט שטיין ביי דער לינקער קוליסע און קוקט אין דער ווייטנס. רעכטס קומט אַריין דאָס יינגל פון נעכטן. ער בלייבט שטיין. שווייגן)

דאָס יינגל

מיין הער.. (וולאַדימיר ווענדט זיך צו אים)

הער אַלבערט...

וולאַדימיר

מיר הייבן אָן פון דאָס ניי. (פויזע)

דו דערקענסט מיך נישט?

דאָס יינגל

ניין.

וולאַדימיר

נעכטן ביסטו דאָ נישט געווען?

דאָס יינגל

נײן.

וולאַדימיר

דו קומסט היינט צום ערשטן מאָל?

דאָס יינגל

יאָ. (שווייגן)

וולאַדימיר

דו ברענגסט אַ ידיעה פונעם הער גאָדאָ?

דאָס יינגל

יאָ.

וולאַדימיר

ער קומט נישט היינט אין אָוונט?

דאָס יינגל

נײן.

וולאַדימיר

אָבער מאָרגן וועט ער קומען?

דאָס יינגל

יאָ.

וולאַדימיר

גאַנץ געוויס...

דאָס יינגל

יאָ.

וולאַדימיר

האָט דיך עמעץ באַגעגנט?

דאָס יינגל

נײן.

וולאַדימיר

צוויי אַנדערע (ער צעגערט) מענטשן?

דאָס יינגל

איך האָב קיינעם נישט געזען. (שווייגן)

וולאַדימיר

וואָס טוט בכלל דער הער גאָדאָ? (שווייגן)

דו האָסט פאַרשטאַנען?

דאָס יינגל

יאָ.

וולאַדימיר

נו, און? (שווייגן)

דאָס יינגל

ער טוט גאָרנישט. (שווייגן)

וולאַדימיר

ווי אַזוי גייט עס דיין ברודער?

דאָס יינגל

ער איז קראַנק.

וולאַדימיר

אפשר איז ער דאָ נעכטן געווען?

דאָס יינגל

איך ווייס עס נישט. (שווייגן)

וולאַדימיר

האָט דער הער גאָדאָ אַ באָרד?

דאָס יינגל

יאָ.

וולאַדימיר

אַ בלאָנדע (ער צעגערט) — אַ שוואַרצע?

דאָס ייִנגל (צעגערט)

איך גלייב, אַז זי איז ווייס.

וולאַדימיר

באַרמהאַרציקער! (שווייגן)

דאָס ייִנגל

וואָס זאָל איך דעם הער גאָדאָ זאָגן?

וולאַדימיר

דו זאָג אים... (ער פאַרטראַכט זיך)

דו זאָג אים אַז דו האָסט מיך געזען און אַז...

(ער איבערלייגט זיך)

אַז דו האָסט מיך געזען.

(פויזע. וולאַדימיר גייט צו צו אים, דאָס ייִנגל גייט אויף צוריק. וולאַדימיר בלייבט שטיין. דאָס ייִנגל בלייבט אויך שטיין)

הער נאָר — דו ביסט זיכער אַז דו זעסט מיך? מאָרגן וועסטו נישט קומען מיר דערציילן, אַז דו האָסט מיך קיין מאָל נישט געזען?

(שווייגן. וולאַדימיר שפּרינגט פּלוצלינג צו צו אים, דאָס ייִנגל אַנטלויפט ווי דער בליץ. שטילקייט. די זון גייט אונטער, די לבנה קומט אַרויס. וולאַדימיר בלייבט שטיין נישט צו רירן זיך. עסטראַגאָן כאַפּט זיך אויף, טוט אויס די שיך, שטייט אויף, האַלט די שיך אין האַנט, שטעלט זיי אַנידער נאָענט צו דער ראַמפּע, גייט צו צו וולאַדימירן און קוקט אים אָן)

עסטראַגאָן

וואָס איז דיר?

וולאַדימיר

גאָרנישט.

עסטראַגאָן

איך גיי.

וולאַדימיר

איך אויך. (שווייגן)

עסטראַגאָן

בין איך לאַנג געשלאָפן?

וולאַדימיר

איך ווייס עס נישט גענוי. (שווייגן)

עסטראַגאָן

וואָהין גייען מיר?

וולאַדימיר

נישט ווייט אַוועק פון דאַנען.

עסטראַגאָן

אָ, יאָ. זאָלן מיר ווייט אַוועקגיין פון דאַנען!

וולאַדימיר

מיר קאָנען נישט.

עסטראַגאָן

פאַר וואָס נישט?

וולאַדימיר

מיר מוזן מאָרגן צוריקקומען.

עסטראַגאָן

צו וואָס?

וולאַדימיר

צו וואַרטן אויף גאָדאָ.

עסטראַגאָן

אָ, יאָ. (פויזע)

ער איז נישט געקומען?

וולאַדימיר

ניין.

עסטראַגאָן

און איצט איז שוין צו שפּעט ?

וולאַדימיר

יאָ, איצט איז שוין צו שפּעט. ס'איז נאַכט.

עסטראַגאָן

אפשר לאָזן מיר אים איבער ? (פּויזע)

און ווען מיר וואָלטן אים איבערגעלאָזט ?

וולאַדימיר

וואָלט ער אונדז שטראָפן. (שווייגן. ער באַטראַכט דעם בוים)

נאָר דער בוים לעבט פּאַקטיש.

עסטראַגאָן (קוקט אויפן בוים)

וואָס איז דאָס ?

וולאַדימיר

דאָס איז אַ בוים.

עסטראַגאָן

כ'מיין וועלכער מין בוים ?

וולאַדימיר

איך ווייס עס נישט. אַ ווערבע, ווייזט אויס.

עסטראַגאָן

מיר וועלן באַלד זען.

(ער ציט וולאַדימירן הינטער זיך צום בוים צו און זיי בלייבן פאַר אים שטיין. שטיל)

אפשר הענגען מיר זיך אויף אים אויף ?

וולאַדימיר

מיט וואָס ?

עסטראַגאָן

האָסט נישט אַ שטריקל ביי זיך ?

וולאַדימיר

ניין.

עסטראַגאָן

אויב אַזוי קאָנען מיר עס נישט טאָן.

וולאַדימיר

קום, לאָמיר גיין.

עסטראַגאָן

וואַרט אַ ביסל, מיין גאַרטל קאָן אפשר ניצן?

וולאַדימיר

ער איז צו קורץ.

עסטראַגאָן

דו וועסט מיך אַראָפּציִען ביי די פיס.

וולאַדימיר

און ווער וועט מיך אַראָפּציִען?

עסטראַגאָן

אָ, יאָ.

וולאַדימיר

לאָז מיך זען.

(עסטראַגאָן מאַכט אויף דעם קנופּ פונעם שטריקל וואָס האָט זיינע הויזן צוזאַמענגעהאַלטן. די צו ברייטע הויזן פאַלן אַראָפּ ביז אויף די קנעכל. זיי באַקוקן ביידע דאָס שטריקל)

אפשר קאָן עס סטייען. ס'איז נאָר אַ פראַגע צי ס'איז גענוג שטאַרק?

עסטראַגאָן

דאָס וועלן מיר באַלד זען. האַלט איין עק!

(זיי נעמען יעדער איין עק און ציִען. דאָס שטריקל רייסט זיך איבער. זיי פאַלן כמעט ביידע אום)

וולאַדימיר

עס טויג צו גאָרנישט. (שווייגן)

עסטראַגאָן

דו האָסט געזאָגט אַז מיר מוזן מאָרגן ווידער קומען?

וולאַדימיר

יאָ.

עסטראַגאָן

דאַן וועלן מיר אַ גוטן שטריק מיטברענגען.

וולאַדימיר

יאָ. (שווייגן)

עסטראַגאָן

דידי!

וולאַדימיר

נו?

עסטראַגאָן

ס'קאָן אַזוי ווייטער נישט אָנגיין.

וולאַדימיר

דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי.

עסטראַגאָן

זאָלן מיר זיך צעשיידן. אפשר וועט זיין בעסער.

וולאַדימיר

מאָרגן וועלן מיר זיך אויפהענגען. (פויזע)

סיידן אַז גאָדאָ וועט קומען.

עסטראַגאָן

און אַז ער וועט קומען...

וולאַדימיר

זענען מיר געראַטעוועט.

(וולאַדימיר נעמט אַראָפּ זיין הוט [געוועזענער לאַקיס] קוקט אין אים אַריין, שטעקט אַריין די האַנט, טרעסעט אים אויס און טוט אים ווידער אָן)

עסטראַגאָן

אַלזאָ, גייען מיר ?

וולאַדימיר

צי אַרויף די הויזן.

עסטראַגאָן

ווי ביטע ?

וולאַדימיר

צי אַרויף די הויזן.

עסטראַגאָן

מיינע הויזן אַראָפּציִען ?

וולאַדימיר

צי זיי אַרויף !

עסטראַגאָן

אָ, יאָ.

(ער ציט אַרויף זיינע הויזן. שווייגן)

וולאַדימיר

אַלזאָ, מיר גייען ?

עסטראַגאָן

גייען מיר !

(זיי רירן זיך נישט פונעם אָרט)

פאָרהאַנג

סוף פון „דאָס וואַרטן אויף גאָדאָ"